ירינן, הערפט די קרבנות פון די היטלעריסטישע רדיפות!

צוועלפטער יאהרגאנג

№45

Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201

Piątek d. 3 listopada 1933

3,52 ליכט-צינדען

פרייטאג, פ׳ וירא י״ד מרחשון תרצ״ד.

גרויסע פרייד.

ווי גליקליך זענען קינדער, ווען זיי בעקומען דעם געשמאקען

עטקער׳ס פודינג

ווייסט יעדע מוטער. ווי אנגענעהם איז צו זעהן, ווען קינדער, קליינע צי גרויסע עסען איהם אויף ביז צום לעצטען ברייזעלע.

עס איז נישטא פאר קינדער
קיין בעסערע ערנעהרונג.

געשמאק. נאהראפט. ביליג.

Dr. A. Oetker.

הוי, נפלה עטרת ראשינו, נטל כבוד מבית חיינו!

יחד עם כל בית ישראל אנו מבכים את האסון הנורא שקרה לעמנו, בכל שכבותיו והוגיו, עם פטירת שר התורה ומנהיג האומה, רכב ישראל ופרשיו, מחולל ונשיא הישיבה העולמית „ישיבת חכמי לובלין", מחולל דף היומי, עמוד התוך של תנועתנו. מורינו ורבינו הגאון הצדיק וכו׳

רבי מאיר שפירא זצ״ל

אבד״ק לובלין יע״א

המקום ינחם אותנו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

„אגודת ישראל" טשענסטאכאוו — „צעירי אגודת ישראל" טשענסטאכאוו — סניף „ישיבת חכמי לובלין" טשענסטאכאוו — „פועלי אגודת ישראל" טשענסטאכאוו

Z intencji zaręczyn p. STEFY KANTORÓWNY
z p. ZYGMUNTEM GLIKSMANEM
składają najserdeczniejsze życzenia
E. Muszyńska, Sz. Wolberg.

ברכתי הלבבית לאחי יקירי **ישראל משה** נ״י לאירושיו.

אברהם חנוך פראנק קיעלץ

Panu Filipowi Brodzkiemu i Rodzinie
z powodu zgonu

b. p. OJCA

składają wyrazy serdecznego współczucia

Współwłaściciele i Personel f-y „Union"
Sp. z o. o. Aleja 14.

הננו משתתפים בצערם של **משפחת באומבערג**
ובפרט ידידנו מר **מרדכי** נ״י במות עליהם בדמי-עלומיו בנם ואחיהם ידידנו היקר

מר אשר ארי׳ ע״ה

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבצ״וי ולא תוסיפו לדאבה עוד.

עקיבא פוגל, לייביל קאפלאן, מרדכי יארקאוויזנא,
משה קימעלמאן וישעי׳ לאנדוי.

Jadwiga Fajge

nauczycielka gry skrzypcowej
przeprowadziła się
na ul. Waszyngtona (dawn. Jasna) 20

מארגען, שבת, 4 ד. ח. אין איינענעם לאקאל
קאפערניקא 11

א הוירא-אָוועגד פון „הפועל".

Dr. med. MARJA KOHN

choroby kobiece i akuszerja

po powrocie rozpoczęła przyjęcia.

Aleja Wolności 3—5.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. K. Kosteckiego

w lokalu własnym **Waszyngtona 6**, przyjmuje zapisy na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 w.
Opłata za lekcje przystępna

שבת, ד. 4 ד.ה. 8 אוענד פראקטישע לעקציע פאר יודישע געזעלשאפט און אויך יעדען שבת 8 אווענד. לעצטע מוזיק - שלאגערס. ביליגע פרייזען.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער עהרען סעקרעטאר ח׳

דוד קאניעצפאלער

צוליעב׳ן טויט פון זיין

פאטער נ״ע

אין זיין וויטערדיגער ארבייט לטובת דער האנדווערקער-בעוועגונג זאל ער א טרייסט געפונען.

פרעזידיום און פערוואלטונג
פון יוד. האנדווערקער-פערבאנד
אין טשענסטאכאוו.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער ליעבען ש-ן **זלמן זשולטאבראצקי** און פאמיליע צוליעב דעם פריהצייטיגען טויט פון זייער יונג-פערשטארבענער פרוי און מוטער

הענדל נ״ע

אין זייער וויטערדיגען לעבענס - וועג זאלען זיי א טרייסט געפונען.

אברהם שמולעווישש און **פאמיליע.**

א הערצליכען מזל-טוב

ווינשען מיר אונזערע ליעבע עלטערן צו דער חתונה פון זייער יונגסטע טאכטער **מאניע** מיט ה׳ **יצחק בליץ,**
וואס איז פארגעקומען דעם 29 אקטאבער ה. י. אין קושעפיץ.
דעם יונגען פאר-פאלק ווינשען מיר א גליקליך צוזאמענלעבען און א בל׳העגדע צוקונפט.

די ברידער און שוועגערינס מאיארטשיק,
אברהם גליק און **פרוי.**
פאריז.

צו דער פערלאבונג פון אונזער פריינד **אברהם דלוזשנאווסקי** מיט פרל. **האנקא וואזשניצא** ווינשען א הערציגען מזל - טוב און א בליהענדע צוקונפט.

העלא וואלבערג און ישראל שער.

צו דער תנאים פון אונזער ליעבער טאכטער און שוועסטער **דארא וואלדבערג** מיט ה׳ **יעקב פאליוואדע**
אונזערע הערציגסטע ברכות.

עלטערן און **געשוויסטער.**

צו דער תנאים פון
פרל. **דארא וואלדבערג** מיט ה׳ **יעקב פאליוואדע**
א הערציגען מזל-טוב ווינשט

מאיר געלבער און פרוי.

דעם הערציגסטען מזל-טוב ווינשען מיר דער פרל. **דארא וואלדבערג**
צו איהר תנאים מיט ה׳ **יעקב פאליוואדע.**
זייט גליקליך.

ש. ניעמיראווסקי און פרוי.

אינזער פריינד **אברהם וואלדבערג**
צו דער תנאים פון זיין שוועסטער פרל. **דארא** מיט ה׳ **יעקב פאליוואדע**
א הערציגען מזל-טוב ווינשען

דוד, וואלף, מעניעק, שאקע און שימעק.

צו דער תנאים פון אונזער מיטארבייטער ה׳ **יעקב פאליוואדע**
מיט פרל. **דארא וואלדבערג** א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
ווינשען

ישעיהו גראנעק און פרוי.

א בליהענדע צוקונפט און א הערצליכען מזל-טוב ווינש איך מיין חבר
יעקב פאליוואדע צו זיין תנאים מיט פרל. **דארא וואלדבערג.**
זייט גליקליך.

יצחק גראנעק.

מזל טוב צו דער תנאים פון אונזער פריינד און חבר **יעקב פאליוואדע**
מיט פרל. **דארא וואלדבערג.** זאל זייער לעבענס-וועג זיין בעצירט מיט די הערליכע שטראהלען פון גליק און צופרידענהייט.

הירשל יאזשאמבעק און פרוי.

ראמא ראזענצווייג — לייבל ראזען

חתונה געהאט.

טשענסטאכאוו. — בריסעל.

אין אקטאבער 1933

צו דער חתונה פון אונזער ליעבען ברודער **לייבל** מיט פרל. **ראמא ראזענצווייג** א הערציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
ווינשען

נחמיה ראזען און פרוי.

מזל טוב אונזער ליעבען ברודער **לייבל** צו זיין חתונה מיט פרל. **ראמא ראזענצווייג.**
זאל זייער צוקונפט זיין א גליקליכע.

הירשל ראזען און פרוי.

Klub Szachistów w Częstochowie (I-a Aleja 14)

zaprasza wszystkich szachistów m. Częstochowy i okolicy **do wzięcia udziału w Turnieju Szachowym o mistrzostwo miasta Częstochowy.**

Informacji udziela sekretarjat klubu codziennie od 19 do 21-ej.

הורט! — רעטייל!

עס איז שוין אנגעקומען

שניעגאוועצעס און קאלאשען

צו פאבריקס - פרייזען

צו בעקומען אין לאנגיעהריגען שיך-געשעפט פון

Z. LANGNER, ALEJA № 10.

געדענקט די אדרעס!

דאָס פערגאָסענע בלוט אין יפו

דער רעזולטאַט פון משוגעת און בייזען ווילען.

פון ארץ ישראל קומען אָן ערשיטערנדיגע ידיעות, וועלכע קיינער, דאכט זיך, בעדויערט נישט אזוי שטארק ווי דאס יודישע פאָלק. מיר ווילען נישט, אז בלוט זאל זיך גיסען אין פאלעסטינא; מיר ווילען נישט, אז בכלל זאל זיך ערגיץ גיסען בלוט, ביי אונז, צי נישט ביי אונז, און נאך ווייניגער ווילען מיר, אז בלוט זאל פערגאָסען ווערען אין לאנד, וואו מיר ווילען און מיר מוזען זיך איינאָרדנען אויף שטענדיג. נישט אונזער שולד איז, וואס די דאָזיגע טראגישע געשעהענישען האבען פאסירט אין פאלעסטינא און נישט אונזער שולד וועט זיין, אויב זיי וועלען פאסירען נאָכאמאל אָדער נאָך פיעל מאל. אָהן אונז און קעגען אונז' געגען אונזערע לעבעדיגסטע אינטערעסען איז געשעהן אין ארץ-ישראל דאס, וואס איז דאָרט געשעהן.

די אראבער האבען אלוא אנגעהויבען פון דעם סאמע אבסורדאלסטען, פון פוסטע דעמאָנסטראציעס געגען דער ענגלישער רעגירונג כדי אויפ'ן דאָזיגען ממש יונגלערישען אופן, וואס איבערצייגט קיינעם נישט, צו צווינגען אָבצושטעלען די יודישע אימיגראציע קיין פאלעסטינא. זיי האבען אלוא איינגעאָרדנט אזא דעמאָנסטראציע אין ירושלים, אָבער זי איז לייכט צוטריבען געוואָרען.

אָבער עס איז ווערט זיך אָבצושטעלען אויף דער פראגע, וואס אייגענטליך ווילען און צו וואס שטרעבען די אראבער?

אויב מען זאל בוכשטעבליך נעהמען זייערע פאָדערונגען און אויסהערען זייערע שרייענדיגע לאָזונגען, שטרעבען זיי עס זאָלען פערמאכט ווערען די טויערען פון פאלעסטינא פאר די יודען.

צי דען נארען זיי זיך פאקטיש, אז זיי זענען איםשטאנד עמיצען צו צווינגען מען זאל פערמאכען ארץ-ישראל פאר די יודען? וואָסערע שוועריגקייטען און שטערונגען האבען שוין די יודען גובר געווען!

דער סולטאן האט זיך מיט זיי נישט געקאנט קיין עצה געבען. די יונג-טערקען האבען זיי נישט געקאנט אָבהאלטען. דער ריקזיכטסלאזער און בלוטיגער דושעמאל פאשא האט זיי נישט געקאנט בעזייטיגען, ווי אזוי-זשע קאָנען די בכלל אינטעליגענטע אראבער דענקען, אז עמיצער וועט ברעכען דעם ווילען פון די יודען אין פאלעסטינא? און ווי אזוי קאָנען זיי פאָדערן צו פערווערען די יודישע עמיגראציע קיין פאלעסטינא פון דער מאנדאטען-מאכט? און זעלבען מאָמענט, ווען עס וועט אויפהערען דער שטראָם פון די יודען קיין פאלעסטינא, הערט דאָך אויף די ענגלישע מאכט און דאס בלייבען פון ענגלאנד אין לאנד פערלירט דעם רעכטליכען יסוד. האט מען דאָך די ענגלענדער געשיקט קיין פאלעסטינא זיי זאָלען העלפען און פערלייכטערען די יודען דאס איינאָרדנען זיך אין לאנד. און געשיקט האט זיי כמעט די גאנצע וועלט. 54 מלוכות האבען דאָך פייערליך דעקלארירט, אז עס מוז עקזיסטירען א יודיש ארץ-ישראל און די דאָזיגע מלוכות האבען ביז-איצט נישט צוריקגעצויגען נישט זייער אונטערשריפט, נישט זייער צוזאָג.

און וואָסערע זאכליכע מאָטיווען האבען די אראבער, כדי אויף אזא ווילדען אופן זיך אקעגענצושטעלען דער יודישער עמיגראציע. די מאָטיווען זענען נישט און קאנען נישט זיין פון קיין עקאָנאָמישען כאראקטער, ווייל די ביז-יעצטיגע יודישע קאָלאָניזאציע האט בעוויזען, אז זי האט פון אראבישע אָרימעלייט געמאכט פערמעגליכע מענשען. צי דארף מען יעדעס מאל מיט'ן פינגער אָנווייזען אויף טראנסיאָרדאניען וואו עס הערשט אלמעכטיג הונגער און פערגלייכען די דאָרטיגע פערהעלטנישען מיט'ן וואוילשטאנד פון פאלעסטינא? האבען דאָך די אראבער גופא פון טראנסיאָרדאניען וועגען דעם עדות געזאָגט פאר דער גאנצער וועלט, רופענדיג: גיט אונז יודען! ווער ווייסט, אפשר אגיטירט דער רייכער עפענדי געגען די יודען דערפאר (הגם ער אליין ווערט א דאנק זיי אלץ רייכער), כדי נישט אנצוּוועהרען זיינע שקלאפען. די איבעריגע הונגעריגע אראבער.

עס ליגט א טיפע אינערליכע פאלשקייט אין דער אנטי-יודישער אגיטאציע גופא. פשוט די אראבער אליין גלויבען נישט אין זייערע ווערטער, אין זייער געשריי.

עמיצער וועט זאָגען: דאס אלץ איז זעהר שעהן, אבער די אראבער ווילען בלייבען באלעבאטים אויף זייער ערד און זיי ווערען זיך געגען פרעמדע עלעמענטען דאס וואלט ריכטיג געווען, ווען די אראבישע שבטים וואלטען ווירקליך געליטען אויף ערד-הונגער, בעת אין דער ווירקליכקייט פערמאָגט קיינער נישט אזוי פיעל ערד, ווי די אראבישע שבטים אין פאלעסטינא אליין וואלט נאך געקענט ארייננעהמען שעהנע עטליכע מיליאן איינוואוינער און נישט זיין איבערפולט.

באמת, מ'קאן ווערען פעררוקט, ווען מען זעהט צו אזא משוגעת, וואס ווערט איבריגענס געבוירען פון בייזען ווילען. און דאס בלוט ווערט פערגליווערט ביים געדאנק, אז פון דאָזיגען משוגעת ווערט געבוירען אזא שטערצליכע טראַגעדיע, ווי דער לעצטער צוזאמענשטויס אין יפו. נאך קיינמאל איז מענשליך בלוט נישט פערגאָסען געווארען אזוי אומזיניג ווי אין דעם פאל.

מיר האבען דאס רעכט צו זאָגען, אז אינזערע הענד האבען דאס דאָזיגע מענשליכע בלוט נישט פערגאָסען. נאטירליך גלויבען מיר, אז סוף-כל-סוף וועט זיגען דער געזונדער פערשטאנד און דער אמת.

ד"ר י. טהאָן.

עובדי" הכהן.

א אמת'ע לעגענדע.

צו דער פטירה פון הרב שפירא ז"ל.

א רב, א גדול בישראל איז נפטר געוואָרען. געשטאָרבען אויף זיין אייגען בעט. און דאך. מאכט עס דעם איינדרוק, ווי א העלד, איינער פון יענע אלטע גבורי ישראל וואלט געפאלען. עס ווילט זיך פשוט נישט גלויבען, אז אט איז עס א ווירקליכקייט, א זאך, וואס איז געשעהן אין אונזערע צייטען, אין אונזערע אויגען.

איז עס א ווירקליכקייט אט די כסדר'דיגע מסירת-נפש'דיגע העלדישקייט, וועלכע דער נפטר האט ארויסגעוויזען ביים אבראטעווען די הייליגטימער פון יודישען פאלק? איז עס טאקי א ווירקליכקייט אט די קורצע געשיכטע פון זיין פלוצים'דיגען אויפשיין און בליץ-שנעלען פערלעשען? קלינגט דאך דאס אלעס אין אונזערע אויערן ווי עפיס א וואונדערבארע מעשה'לע, א יודישע העלדען-לעגענדע, וועלכע עס פלעגען אונז דערצעהלען אונזערע זיידעס אין מעלאנכאלישע בין השמשות'ען. א לעגענדע וועגען אנ'אלטע שוהל, וועלבע איז איינמאל אין א פינסטערע נאכט ארומגענומען געוואָרען פון א פייער. מיט'ן גרעסטען אייפער און מיה האבען זיך אלע געלאזט דאס פייער פערלעשען. יעדער אויף זיין שטייגער, יעדער אויף זיין ארט. פערגעסען האבען אבער אלע אן די הויפטזאך. פערטהון אין דער שווערער אייפערדיגער ארבייט פון פערלעשען דאס פייער—האבען אלע דערוייל פערגעסען אן דעם ספר-תורה, וועלכע שטעהט אין שוהל.

פלוצים קומט אנצולויפען אין דער פינסטערניש פון דער נאכט אנ'אונבעקאנטער העלד. מיט וואוטה פון א יונגען לייב שפאלט ער זיך אדורך א וועג צווישען די טימעלדיגע מחנה פון פערצווייפעלטע און דערשראקענע. אט איז ער אינעווייניג אין דער שוהל צווישען די פלאמען פערשוואונדען און באלד לויפט ער, זעלבסט א שטיק פייער — פון פייער צוריק ארויס. ווען ער קומט אין דרויסען ארויס און עס פאלט דער קדוש אויפ'ן שוועל פון דער שוהל מיט'ן ספר-תורה אין ארים, ערשט דאמאלס האבען אלע דערקענט אין דעם אונבעקאנטען גבור זייער רב, דעם רב פון זייער שטעדטיל.

אט אזוי קלינגט די לעגענדע. און צי דען נישט ממש גענוי אזוי, קלינגט די קורצע אבער העררליכע לעבענס-בעשרייבונג פון דעם הרב שפירא ז"ל?

אין א צייט, ווען א פייער פון הפקרות, פוסטקייט און ביליגער אפיקורסות, געמישט מיט א היידנישען מאטעריאליזם, האט ארומגענומען אין זיינע פלאמען דאס קערנדיגע יודענטום—און פערצווייפעלטע, דערשראקענע האבען מיר זיך געכאפט פאר פערשידענע מיטלען און אופנים, ווי אזוי דאס פייער צו פערלעשען, צו לאקאליזירען, אבצוראטעווען און שיצען פון פייער דעם גאנצען „בית ישראל" — אין אזא צייט האט זיך פלוצלינג בעוויזען אין אונזער מחנה א נייער אונבעקאנטער גבור. געקומען איז ער עפיס פון ערגיץ דאָרט אונטער די קארפאטען, אלס א רב פון א קליין שטעדטעלע מיט'ן נאמען גלונא.

קיינער האט איהם נישט געקענט, קיינער האט איהם זאָגאר אנפאנגס נישט בעמערקט. בליץ-שנעל איז ער ערשינען, אדורכגעשפאלטען זיך א וועג צווישען מחנות און פלאמען, גלייך צום לפני ולפנים, צו דער תורה. ער וויל נישט און קאן נישט ווארטען ביז מען וועט דאס פייער פערלעשען. קודם-כל מוז מען די תורה ראטעווען. פאר יעדען פרייז מוז מען זי פון אונטער די חורבות ארויסראטעווען. עס טארען נישט גילטען קאלטע חשבונות אין א מאמענט, ווען מען שפיעלט זיך מיט פייער.

אין לובלין, אין דער אלטער היסטארישער תורה רעזידענץ פון יודישען פוילען, האט ער ווידער דעם איינגעפאלענעם היכל פון די מהרמ"ש, מהרשל'ס און פאליאק'ס אין זיין גאנצען גלאנץ און פראכט אויפגעשטעלט, די תורה פון די בעדראָהטע פייערען—ארויסגעראטעוועט, אום זי אין איהר געזיכערטען פלאץ צוריק איינצושטעלען.

פון לובלין, פון דער גרויסער הערליכער ישיבה-געביידע א. נ. „ישיבת חכמי לובלין" האבען ווידער געזאלט ארויסגעהן די גרויסע יודישע גייסט-העלדען—די פיהרער פון פאלק.

נור נאך איידער ער האט בעוויזען די תורה אויף איהר שטעל צוריק אריינצושטעלען, שוין גאר נאהענט ביים סאמע ציעל זיינעם, איז ער פלוצים פון אונז אוועקגעכאפט געוואָרען. פלוצלינג איז געווען זיין קומען, פלוצלינג איז געווען זיין אוועקגעהן. אוועקגעגאנגען ווי א יודישער גבור. בעת ער האט דערפיהלט, אז די לעצטע מינוטען דערנעהנטערען זיך, האט ער זיך געהייסען מיט זיין בעט אריבערטראגען אין דעם גרויסען שיעורים-זאל פון דער ישיבה.

אויף די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען האט ער פערבראכט צווישען די ווענד פון דעם בנין, וועלכען ער האט זיין גאנץ לעבען אוועקגעשאנקען. ביז זיין לעצטען אטהעם-צוג איז ער געבליבען נאהנט און צוגעבינדען צו די, וועלכע זענען געווען זיין לעבענס-ציעל — צו זיינע תלמידים. און געזעגענענדיג זיך מיט זיי ביי א „לחיים"... האט ער מיט דעם בטחון און פרייד פון א גרויסען מאמין צוריקגעגעבען זיין נשמה.

גרויס און הערליך איז געוועזען הרב שפירא ז"ל ביי זיין שעהנעם לעבען, נאך גרעסערער און וואונדערבארער איז ער געוועזען ביי זיין פטירה. דא האבען מיר דערקענט אין דעם אמאליגען אונבעקאנטען „גלונער רב" דעם גרויסען יודישען גבור, איינער פון יענע אלטע יודישע גבורים א „חד מקמאי".

ווי א לעגענדע זעהט עס אויס. יא ווי א לעגענדע — א אמת'ע לעגענדע.

לייב-פערשטאָפונג, נישט-נארמאלע צעפאלונג און פוילעניש אין די געדערים, צו גרויסער פראצענט פון זויערע און מאגענזאפט געהען פערביי דורכ'ן געברויך פון נאטירליכען ביטער-וואסער Franciszka Józefa

---

(27

די לעצטע טעג פון יהודה,

היסטארישער ראמאן פון ה. ה. שומאכער.

(פארטזעצונג).

אספסיינוס איז געזעסען שטיל, אויפגערעגט פון דעם אלעם, וואס ער האט דא געהערט און געזעהן. פלוצלינג האט ער דערזעהן א שווארצען פייגעל פליהען ארום דעם מזבח. דער פויגעל האט זיך אויפגעהויבען אלץ העכער און איין א ווייטע ארום האט אנ'אייסטערלישע שטימע אויסגערופען:

— עס לעבע דער קייזער!

אספסיינוס איז דערשראקען אויפגעשפרונגען פון ארט. נאר זיין שטים איז פערלוירען געוואָרען צווישען טויזענדער שטימען, וועלכע האבען מעכטיג אויסגערופען:

— עס לעבע דער קייזער!

טיטוס איז געגאנגען נעבען בירניקה, זי בעגלייטען אהיים. בירניקה האט געשוויגען. זי איז געגאנגען טיעף פערטראכט און זאגאר נישט בעמערקט אז טיטוס האט איהר דערלאנגט די האנד צו אבשיעד.

— ווילט איהר מיט מיר שליסען שלום?—האט טיטוס געפרעגט מיט א ווייכער שטים

בירניקה האט זיך צולאכט.

— קען דען דער אונטערטעניגער שליסען פריעדען מיט'ן זיעגער? איך און מיין פאלק זענען דאך די בעזיגטע, ווייל אפילו היינט האט אונזער גאָט די רוימער געענטפערט און אונז פערלאזט

— וואס געהט מיך אן גאָט?—האט ער אין אויפרעגונג אויסגערופען—טיטוס קאן קיינעם נישט, אויסער בירניקה, וועלכע איז זיין גאָט געוואָרען.

אין נישט רעכנענדיג זיך מיט די אנוועזענדע האט ער זיך געוואלט שטעלען אויף די קניהען. דאן האבען איהרע אויגען זיך אנגעצינדען.

— נאר פאלשע רייד, פוסטע ווערטער!

— נישט קיין פוסטע ווערטער—האט טיטוס אויסגערופען—בעפעהל און איך..

— ווירקליך? געדענקט אבער, אז איך וועל אפשר ווירקליך פאָדערן, אז איהר זאלט טהון דאס, וואס איהר פערשפרעכט! זעהר ווילטיגעס וועט בירניקה פאָדערן פון איהר נאהנטען..

— און ווען איהר זאלט פערלאנגען די גאנצע וועלט! זאגט, וואס פערלאנגט איהר?

— זוכט, אפשר וועט איהר מיין וואונש געפונען.

— און אויב איך וועל געפונען מעג איך אייך זאגען?

— יא!

— מארגען?

— מארגען!

טיטוס האט לוסטיג אויסגעשריגען פון פערגעניגען און אוועקגעגאנגען בירניקה האט זיך נישט אומגעקוקט און פערשוואונדען געוואָרען אין טויער פון פאלאץ.

אספסיינוס איז א גאנצע נאכט נישט געשלאָפען, הין און צוריק אין זיין צימער שפאצירט. זיין געזיכט איז ווי איבערגעענדערט געוואָרען, עס האט זיך ווי מיט פייער אנגעצינדען.

— איצט איז קלאר, אז אלע צייכענס, וואס דער יודישער גאָט האט בעוויזען, זענען נאר אויף איהם געריכטעט. האט אויך דאס די נביאה געזאגט און ער האט געגלויבט, אז דורך באסילידיים האט גאָט אליין צו איהם גערעדט. וועט דאך הפנים ווירקליך קומען א טאג און זיינע פערבארגענע געדאנקען, זיינע טיעף-פערבארגענע האפנונגען וועלען פערווירקליכט ווערען...

מעהר טראכטען האט ער שוין נישט געקענט, זיינע געדאנקען האבען זיך אין איהם געמישט און ווי שיכור איז ער פון פרייד געווען. ער וועט איבער דער וועלט הערשען.. די יבשה און די ים'ען וועלען צו איהם געהערען.

און צווישען די אלע געדאנקען האט ער דייטליך דעם ליעבען אויס-רוף געהערט:

עס לעבע דער קייזער!

אין דער הייל אויפ'ן בארג כרמל איז באסילידיים געלעגען אויף אנ'אויסגעשפרייטען דיוואן און דאס פייער האט בעלויכטען זיין פרעהליך געזיכט מיט די לאכענדע אויגען.

נאר די אדלערס זענען שוין מעהר נישט צוריקגעקומען..

באסילידיים האט זיך צולאכט, ווען ער האט זיך אין זיי דערמאנט.

— זאלען זיי געהן וואו זיי ווילען, איצט דארף איך זיי שוין נישט צו האבען. באסילידיים דער נביא איז געשטארבען! יעצט לעבט באסילידיים דער פאליטיקער, דער יועץ ביים קייזער! אגריפא האט דאך מיר דייטליך געזאגט..

דערנאך האט ער אנגעהויבען צוזאמענעמען די גאלדענע רענדלעך, וועלכע זענען געווען אנגעשיט אויף דעם דיוואן. דער ראב האט דערהערט דעם קלאנג פון די רענדלעך איז ער אויפגעשפרונגען און אויסגעשריגען:

— עס לעבע דער קייזער!

און אויפ'ן פעלד איז געלעגען דער קארליק גאבא און אין זיין ארים — דאס אונגליקליכע מיידעל. גאבא האט דורכדרינגענד געקוקט אויף דער פערחלש'טער און זיינע אויגען האבען געגליהט.

מרים האט ווי אין חלום ווידערגעהאלט די ווערטער פון דעם ליעדעל, נאר ביז צום סוף האט זי שוין נישט געדענקט גאבא האט צוגעטוליעט צו זיך דאס מיידעל, מיט זיין קערפער זי געוואָרעמט און מאנכמאל פלעגט זיך איהם אויסוויזען, אז זיין הארץ ווערט צושפאלטען פון וועהטאג.

— איז איהר פערשטאנד שוין אויף אייביג פערלוירען? וועט זי שוין קיינמאל נישט אויסרופען די ליעבע ווערטער: מיין טייערער גאבא?

און פלוצלינג האט זיך דאס מיידעל אויפגעכאפט, אויסגעריסען זיך פון זיינע אָרעמס און ווילד זיך צולאכט! זי איז געלאפען איבער שטיינער און בערג, גאבא האט זאגאר נישט געקענט דעריאגען, נאר דאס געלעכטער איז נישט שטילער געוואָרען, עס האט א פחד אנגעוואָרפען אויף דעם קארליק און פון מינוט צו מינוט האט זי ווילד אויסגעשריגען:

— עס לעבע דער קייזער!

פראנטא'ס פאלאץ איז געווען העל בעלויכטען—ער האט איינגעאָרדנט א באל פאר זיינע פריינד.

אויפ'ן באלקאן האבען זיך געפונען די געסט צווישען א ים פון בלומען. און ווער האט זיך דארט אויף דעם באל נישט געפונען? דא זענען געווען אפיצירען, רייכע סוחרים, געוועזענע שקלאפען און טעאטער-מיידלעך, ביי אלע גליהען די פנים'ער, דער וויין האט זיי אונטערגעצינדען.

און די שקלאפען געהען ארום צווישען די געסט טראגען פונאנדער שפאנישען וויין, פרוכט פון פערשידענע שיכטען האבען אויך נישט געפעהלט און די געלעכטערס האבען אויפגעוועקט די פינסטערע נאכט.

דער וויין האט זיך געגאסען פון די טישען, בלומען האבען זיך געוואלגערט אויף דער ערד און דורך די פארהאנגען האט מען געזעהן ווילדע משוגעדיגע סצענעס.

א שקלאפין איז ארויסגעגאנגען מיט א פאן, אויף וועלכער עס האט געראויכערט בשמים. דער רויך האט אנגעפולט דאס צימער, אז עס איז כמעט פינסטער געוואָרען און די פייערען פון די לאמפען האבען זיך דורכגעריסען דורך דעם וואלקען פון רויך.

די געסט זענען אלע געווען שכור, זיך געוואלגערט אויף דער ערד און א בעהאוסטלאזען צושטאנד, אבוואהל די סעודה האט זיך ערשט אנגעהויבען.

(פארטז. קומט).

ח. ל. חריפאי.

שמחת בית השואבה.

איהר ווייסט דאָך מסתמא: היינט אַ פּאָר טהון אין ארץ-ישראל איז דאָך גאַרנישט שבּגאָרנישט. מען דאַרף נאָר דערצו האבען דעם ווילען און די מטבּע. היי-יאָהר איז צוגעקומען נאָך אַ קאַפּ: דער קאָנגרעס. מען פאָהרט פון קאָנגרעס – פערפאָהרט מען אין ארץ-ישראל. אַזוי האט זיך צוזאַמענגעקליבען אין תל-אביב אַ גאַנץ גרויס היי-פעל ליטעראַטען און זשורנאַליסטען. ד"ר דאַווידאָוויטש פון בערלין האט געקריגען אַ קאַטעדרע אין לאָנדאָן–איז ער פערפאָהרען קיין ארץ-ישראל. ד"ר מ. סאָלאָווייטשיק איז געזעסען אין בערלין אויף תורה ועבודה–האט ער בעשלאָסען צו טהון דאס זעלבּע היינט אין ארץ-ישראל. ש. גארעליק–דער הע-בּראַיש-יודישער שרייבּער, וואס האט אין בערלין צייטווייליג אנגעהויבען שרייבען פון לינקס אויף רעכטס–איז אויך געקומען זוכען זיין מקום מנוחה אין ארץ-ישראל.

היינט זענען דאָ אַמעריקאַנער געסט: אברהם גאָלדבּערג–אָדער אויף אַמעריקאַניש אבּ. גאָלדבּערג, ד"ר ש. בּערנשטיין, רעגעלסאָן און נאָך און נאָך... זעהט איהר אַ גאַנץ פיין געזינדעל. האט בּעשלאָסען דער ליטעראַטען-פּעראיין תל-אביב צו מאַכען צוליעב זייער כבוד וועגען אַ קליין יום-טוב'ל. מען האט זיך פערקליבּען אין „קאַזינאָ" אויף דעם בּרעג פון ים – און פערטיג אַ באַנקעט. און אַ מעלה האט די דאָזיגע קאַפּעע – אַ גאָר גרויסע מעלה זי שטעהט ממש אין ים, הערט מען נישט, וואס מען רעדט פון דער טריבּונע. און אַז די סקאַרבּאָווע „גראַטוילירער" ווענדען זיך נאָך דער ברכה: „ווי געפעלט דיר מיין ספּיטש"? איז דאָ אַ פאַרטיגער תירוץ:

– דער ים, ימח שמו, איבּער איהם האט מען גאַרנישט געקענט הערען. די פאַליעס רוישען אָהן אַ סוף...

און ווי דער סדר איז האָט מען זיך צוזעצט אַרום די טישלעך און מען „באַנקעטעוועט". פערביינעהענדיג כאַפּט מען אַ שמועס מיט די אורחים. דערביי איז מען אויסען צו הערען אַ גוט וואָרט וועגען ארץ-ישראל. מיר, ארץ-ישראל'דיגע, זענען שוין אַטראָפירט צו דער אויסערליכער ראָמאַנטיק. פרעמדע עפּנען אונז אויף די אויגען.

אבּ. גאָלדבּערג, למשל, טענה'ט: תל-אביב אַ פיינע שטאָדט, אַ גרויסע שטאָדט, מיר דוכט, אַז אין איהר איז דאָ אַ מיליאָן יודען. אפשר קומט דאס דערפון, וואס אַ יוד האט ליעב צו מאַכען הקפות צעהן–פופצעהן מאָל, דאַכט זיך, אַז הונדערט טויזענד יודען זענען אַ מיליאָן... דאָך וואָלט מיך נישט געאַרט, אַז אין ניו-יאָרק זאָל זיין מיט אַ מיליאָן יודען ווייניגער און ביי אייך, אָדער ביי אונז אין ארץ-ישראל מיט אַ מיליאָן יודען מעהר...

כ'לעבען, ער איז נאַר געדעכט. קומט זיין חבר ד"ר ש. בערנשטיין און צורעדט זיך פילאָזאָפיש:

– אייערע יודען זענען יודען, אָבער ביי אונז...

און אין מיטען גיט דער געשוואוירענער שר-המשקים, ר' חיים נחמן ביאַליק, אַ קלאַפּ אין טיש. פּערטיג. עס שיטען זיך שוין בריליאַנטען – ביאַליק'ס שיחות חולין. און ער קען דאס יעדען פון [די] געסט, אַז אין אלף הששי אַריין. דער האט געשריבען אַנ'ערנסט ווערק וועגען עמנואל הרומי, יענער–אַ חקירה פון תנ"ך, דער דריטער האָט אַפּגעדרוקט מיט 30—20 יאָהר צוריק אַ וויכטיגען מאמר וועגען חבת-ציון אַזוי.

נאָך ביאַליק'ן ווערט שוין חול-המועד'יק – ביז עס קומט די צייט פון די געסט. זיי הערט מען נאָך – פּאַרט נייעס. אבער דער נוסח איז איינס. אין ארץ-ישראל – ווי גוט איז אייך דאָ, יודישע שרייבער! דער עולם שמייכעלט – עס דערמאָנט זיך, וואס מען האט געזאָגט אליין מיט יאהרען צוריק. היינט איז מען שוין אַ „ארץ-ישראל'דיגער שרייבּער" און מ'ווייסט וואס דאס הייסט...

מען ברעכט די טישען. מען שיט זיך אַרויס אויפ'ן גאַס. עס ווילט זיך כאַפּען אַ שפּאַציר איבער דער לענג פון ברעג, אָבער ביאַליק שלעפּט אין בית-המדרש: שמחת-בית-השואבה. מען קריכט אין די אויטאָבוסען. אָט איז דער שטאַרק בעוויינטער בית-המדרש. נגונים. זיסע, געשמאַקע קינדערשע שטימען. דער כאָר צוגיסט זיך.

אָט זענען מיר אינעווייניג. יודען–אַ ים פון קעפּ. מען זיצט, מען שטעהט. מען האָט הנאה. איבערהויפט זעהט מען דאס אין דעם גלאַנץ פון די אויגען ביי די ניי-אָנגעקומענע יודען. זיי שעפּען נחת גאַנצע הויפען.

– וואס ווייסט איהר – טענה'ט אַ שכן פון מיין רעכטע האַנד – דאס איז דאָך אַ אמת'ע שמחה. נישט היטלער, נישט קוזא און אפילו נישט די גאַראַדאָווע דעמאָקראַטען... אַנ'אייגענער יום-טוב, אלעמענס, אָהן אונטערשיד...

– אַנ'אמת'ע שמחה בית-השואבה. אַ נייער שטייגער. אַנ'אַלטע טראַדיציע און דאָך עפּיס נייעס...

און דער כאָר גאָרגלט אַ נייעם ארץ-ישראל'דיגען ניגון, פול מיט בענקעניש און האָפנונג. די ערד זינגט. עס דוכט זיך: אָט קלינגט די צווייגעל אין פרדס, די בלעטער העלפען אונטער ווי משוררים מיט זייער רוישען, אינמיטען לאָזט הערען זיין שטימע דער מאָטאָר. שפּעטנדיג וואָסער אָהן אויפהער.

שמחת בית השואבה! עס ציהען זיך פעדים פון ווארשא, בערלין, ווילנא, קאָוונע, ניו-יאָרק און אפילו פון דעם אַלטען מאַדריד דורך די פעלדער פון עמק און שומרון, דורך די ווייגנערטנער פון גליל און יהודה, דורך די פרדסים פון שרון און שפלה און זיי בעהעפטען זיך דאָ אין דעם מאָדערנעם בית-הכנסת אין תל-אביב.

קבוץ גלויות! מחנות, מחנות שטעהען זיי דאָ און הערען זיך צו צו דעם קול פון צעהנדליגנער הונדערטער צרות. פילאָזאָפען, דיכטער, שרייבער – אַלע שטעהען פערחלום'ט דאָ. עס ווילט זיך עפּיס נייעס – און דאָך זאָל דאס זיין טראַדיציאָנעל-אַלט.

אויפ'ן גאס איז ליכטיג. די סוכות'-דיגע לבנה שיקט גאַנץ טונקעלע שאַטענס. מיר געהען, שטיל, לאַנגזאַם. די שטאָדט האַלט ביי חצות. עס רעדען די געסט און עס ווילט זיך, אַז זיי זאָלען דאס דערצעהלען דאָרט ביי אייך.

– עס איז נאָך דאָ פּ'על צו טהון, אַז דער חלום זאָל זיך פערווירקליכען אינגאַנצען... עס ווענדט זיך פון דעם גאנצען פאָלק.

י. ראָזענבּערג.

דערקעצן דיין לאַנד.

דאַבּאַש. *)

(סוף).

ה.

דאס איז געווען אַ מאָדנע קאַראַהאַד. פאַראויס האָט געריטען אויף דאַבּאַש'ס פערד מרת חנה–הינטער איהר דער וואָגען מיט די קראַנקע אַרומגערינגעלט מיט פוסגעהער, וועלכען זיי האבען באַרג-אַרויף צוגעהאָלפען, אונטערשטופּענדיג דאס פערדיל צו ציהען און צולעצט די בריטענע מיט זאַקרויב.

אַזוי פּאַמעליך געהענדיג האָבען זיי ענדליך פאַר זון-אונטערגאַנג דערגרייכט צווי גרויסע פעלזיגע בערג מיט שאַרפע ווענט. וואס אין זייער טהאָל האט זיך געפונען דאס יחוד - שטיבעל פון בעש"ט הקדוש.

ווי זיי האָבען נאָר אויפגעהויבען זייערע אויגען צו די שפּיצען פון די דאָזיגע בערג, האבען זיי דערזעהן איבער'ן קאָפּ פון איינעם שטעהט אַ מאַן מיט דערהויבענע הענט איז ער געגאַנגען, זון-בעגאָסען, ווי אַ הימלישע ערשיינונג, שטראַהלענדיג אין זיין הייליגער התפּעלות.

מרת חנה האט זיך דערפרעהט: „איצט דאַווענט ער מנחה, מיינער און געזעגענט זיך פון דער אָבשיידענדער זון".

און די גזלנים האבען ווייטער געזעהן ווי דער דאָזיגער מאַן, כאָטש ער געהט מיט אַ דערהויבענעם קאָפּ און קוקט געוויס נישט פאַר זיך – שטרויכעלט ער פאַרט נישט. און קוקט! –

אָט אָט איז ער שוין ביים בּרעג פון דער שאַרפער וואַנד, איין שריט און ער קען 100 קלאַפטער טיפף אַראָבּפאַלען אין תהום אַריין און צושמעטערט ווערען... פּלוצים, אַ וואונדער, שנעלער ווי די מחשבה האט זיך דער אַנדערער באַרג צום ערשטען צוגעבויגען, בעש"ט הקדוש, נישט ענדערענדיג אַפילו אַ תנועה, האט מאַריך געווען זיין וועג.

מרת חנה מלכה האט איהר פּרום האַרץ געקלאַפּט שטאַרק און פרעהליך. אָט-אָ די נסים ונפלאות האָבען זי אָנגעפולט מיט ספלנות און האָפנונג און לייכט געמאַכט איהר צו פערטראָגען אַלע נסיונות, דחקות און ליידען.

און די אַפּרישקעס האבען פון די קעפּ אַראָבגענומען די היטלעך, זיך הכנעה'דיג געבויגען און זיך דריי מאָל גע'צלמ'ט פאַר דער זעהונג.

אינצווישען איז שוין די זון פערגאַנגען און בעש"ט הקדוש האט מיט קפיצת הדרך פונ'ם באַרג אַראָבגעניידערט.

אונזער קאַראַהאַד האט באַלד דערגרייכט אין טאָל אַ קליין איינפאַך הייזעל אויס קיילעכדיגע סאָסנאָווע קלעצער מיט צווי קליינע איינשייביגע פענסטערלעך און מיט אַ שטרוי-בעגייטען דאַך.

הערענדיג דעם טומעל פון די אָנגעקומענע, איז בעש"ט אַרויסגעגאַנגען פאַר דער שוועל פון זיין הייזעל און געשמייכעלט, דערזעהענדיג זיין ווייב אין דער מאָדנער חברותא און דערצו נאָך רייטענדיג אויף אַ פערד.

ער איז צוגעגאַנגען און געהאָלפען איהר אַראָבנידערן און זי האט געוואָרפען זיך איהם אויפ'ן האַלז און זיי האָבען זיך פרעהליך צוקושט. (וועגען דעם וואס איז פאָרגעקומען האט ער נישט געדאַרפט געוואויר ווערען. ער האט עס שוין געוואוסט ברוח הקודש).

בשעת מעשה האבען די אַפּרישקעס צייט געהאָט גענויער צו בעטראַכטען דעם מאַן, אין וועלכען זיי האבען מיט גרויס יראה דערקענט דעם געטליכען וואַנדערער פון די בערג און זיי האָבען זיך שטאַרק געחידוש'ט זעהענדיג זיין פשוט אַנגעטהועכץ, דען ער איז געגאַנגען אַ סך אָרימער געקליידט פון זיי, כמעט ווי די פּויערים פון יענעם קאַנט: אין אַ קורץ פעלציל מיט דער ווייסער פעל אַרויף און בלויע, וואָלענע „שאַראַוואַרעס" און אויף די פיס שטיוועל.

נאָר פון זיינע בלויע אויגען און פון דעם פרישען, ליכטיגען פּנים, אַרומגערעהמט פון אַ לאַנגער, פלאַנדער באָרד, האט געשטראַהלט אַ הדרת מלך.

זיי האבען מיט ענטבלויזטע קעפּ זיך פערנייגט און איוואַן סאַדאָהאָרסקי איז צוגעטרעטען, אָנגענומען זיין האַנד אַ קוש געגעבען און אַזוי געזאָגט:

„זייט מוחל, געטליכער מאַן, וואס מיר האבען, נישט וויסענדיג אָקעגען ווקמען, אַזוי שווער זיך אָקעגען דיר פערזינדיגט. זאָל דיין צאָרן איבּער אונז, צושמאָלצענע פון חרטה, זיך נישט אויסגיסען, נישט איבּער אונזער חערשער דאַבּאַש'ן, נישט איבּער אונזערע חברים, וועלכע ליגען קראַנק, צושטעדיגטע אויפ'ן וואָגען. מיר בעטען דיך, טהו מיט אונז חסד און העלף אונז, אַז זיי זאָלען צוריק געזונד ווערען".

און בעש"ט הקדוש האט צו זייער גרויסער פרייד אַזוי זיי אָבגעענטפערט:

„איך בין מוחל, איך בין מוחל, איך בין מוחל, איך וועל מיט גאָט'ס הילף אַלץ טהון, אַז זיי זאָלען איינגיכען געזונט ווערען"...

ו.

און די אַפּרישקעס האבען זיך געמאַכט סוכות אין דעם זעלבען טאָל ביי דער אָקעגענאיבערדיגער באַרג-וואַנד אויף דער צייט ביז זייערע חברים וועלען געזונד ווערען.

בעש"ט הקדוש האט טעגליך די קראַנקע מבקר חולה געווען און פערשידענע קרייטעכצער פאַר זייערטוועגען געקאָכט, וועלכע האבען זיי געדאַרפט ברענגען די רפואה.

בעזונדערס דאַבּאַש'ס אויגען האבען תמיד געלויכטען מיט אמת'ער פרייד, אַז בעש"ט הקדוש פלעגט די שוועל פון זיין „קאַליבע" איבערטרעטען.

זיי האבען צוזאַמען געפיהרט לאַנגערע שמועסען, ביי וועלכע דאַבּאַש פלעגט שטעלען שאלות און בעש"ט האט זיי איהם פערענטפערט, ווי אַ רבי זיין תלמיד.

ביי די דאָזיגע שמועסען האט זיך אַלץ מעהר ענטפּלעקט דער גוטער, שעהנער קערן פון דאַבּאַש'ס האַרץ.

ביז איינמאָל האט איהם בעש"ט הקדוש געפרעגט:

ביז וואַנען ווילסטו נאָך בלייבען אַ גזלן? זעה, אין דיר איז נאָך פערהאַן אַזוי פיעל גוטסקייט און ליעבע צו בעשעפעניש, קענסטו נישט ווערען לייטען גלייך, זיך אויף אַ גרונט ערגיץ בעזעצען, אַרבייטען אויף דער ערד, אַ הויז זיך אויסבויען, צו זיך אַ ווייב נעמען, קינדער האבען און זיי מגדל זיין און פיהרען בכלל אַ לעבען, ווי גאָט האט געבאָטען? פאַרוואס נעמסטו דיר דעם רשות, וועלכען גאָט האט נישט צו דיר איבערגעענטפערט? וואס דו זאָלסט נישט טהון בלייבסטו דאָך אַלץ אַ גזלן, און כאָטש דו ווילסט מאַנכמאָל גוטס – ביזטו זיכער, אַז די געפיהלען פון דיינע חברים זענען תמיד גלייך צו די דייניגע און זיי זענען נישט אויסען צו רויבען לשם רויבען?

און דאַבּאַש האט זיך פערענטפערט:

„וואס איז מיר געבליבען צו טהון, הייליגער מאַן? איך בין אויסגעוואַקסען

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

מיר בויגען דעם קאָפּ.

אַ גרויסע אבידה האָט דאָס יודענטום און בפרט דאָס פּוילישע יודענטום געליטען מיט דער פטירה פון גרויסען גאון און גרינדער פון דער „ישיבת חכמי לובלין" ר' מאיר שפּירא ז"ל.

זייט מיר מוחל, וואָס איך דערלויב מיר אין מיין רובריק צו ווידמען עטליכע ווערטער וועגען דער פטירה פון דאָזיגען גרויסען שעפער און אידעאַליסט, ווייל איך בין נאָך אונטער דעם איינדרוק פון הספד, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם פערגאַנגענעם זונטאָג אין דער שטאָדט-שוהל, וואו ס'האָבען זיך פערזאַמעלט יודען פון אַלע שיכטען און האָבען מעמקא דלבא, אויסגעדריקט זייער וועהטאָג און צער אויף דער גרויסער שמערצליכער אבידה, וואָס דאָס יודענטום האָט פערלוירען מיט'ן טויט פון הרב מאיר שפּירא.

קאָן איך אויך נישט בעהערשען אין מיר דעם צער, און וויל מיט די דאָזיגע ווערטער אויסדריקען מיין מיטגעפיהל און אַזוי אַרום ווייל איך זיך מתחבר זיין מיט'ן כלל ישראל און צוזאַמען טרויערען אויף דעם אומגליק, וואָס איז געשעהן.

אַז דער נפטר איז געווען אַ גרויסע, אונפערגלייכליכע פערזענליכקייט, איז דער בעסטער בעווייז, וואָס אַלע יודען, אָהן אונטערשיעד פון ריכטונג, פיהלען דעם גרויסען וועהטאָג און מיט אַ יראת הכבוד שטעהען אַלע ביים פרישען קבר מיט געבויגענע קעפּ.

דער שדים-מאַרש.

אונזערע היימישע היטלעריסטען וועלען וואָס אַמאָל אַלץ דרייסטער און פרעכער, און אויב זיי קענען נישט פריי אויספיהרען זייער גאַנצען כוליגאַנישען פראָגראַם, ווי אַנצופאַלען אויף יודען און זיי שלאָגען (כאָטש אויך דאָס איז נישט קיין זעלטענהייט), מאַכען זיי אַנדערע טריקען, כדי צו בעפרידיגען זייערע בעסטיאַלישע אינסטינקטען.

זונטאַג פאַרמיטאַג מאַרשירען עטליכע צענדליגג סטודענטען און אויך געדינגענע כוליגאַנעס איבער די אַלעען מיט זייער שרץ'דיגען אָרגאַן, „די גאַזעטאַ נאַראָדאָוואַ" און שרייען אויס הויך אויפ'ן קול די העצע - טיטולען, וואָס דאָרט געפונען זיך, ווי למשל: „1500 יודען זענען אַנטלאָפען פון פאַלעסטינא", אָדער פערקעהרט – „1500 יודען פאָהרען קיין פאַלעסטינא, און ווען וועלען שוין אונזערע טשענסטאָכאָווער יודען פאָהרען", „קויפט נישט ביי יודען", „יודען זענען אונזער אומגליק", וכדומה אַזעלכע אויסרופען.

יעדען זונטאַג מאַכען זיי אַזאַ מאַרשרוט איבער די אַלעען און בעת מעשה ריקען זיך די יודען אַוועק און בעהאַלטען זיך אין די טויערען עד יעבור הזעם.

די צייטונגס-קיאָסקען האָבען זיך אָבגעזאָגט צו פערקויפען דאָס כוליגאַנישע בלאַט, פיהרען זיי דאָס אויס די הייליגע מצוה פון קאָלפּאָרטירען זייער צייטונג, מאַכענדיג דערביי אַ העסליכע דעמאָנסטראַציע.

מיר האַלטען, אַז די פּאָליציי, וועלכע רעאַגירט אויף יעדע קליינינגקייט' וואָס געשעהט אין גאָס, ווי למשל, נישט לאָזען שטעהן עטליכע יודען צוזאַמען אויפ'ן טראָטואַר אין דער אַלעע, ווייל דאָס שטערט דעם נאָרמאַלען פערקעהר, וואָלט אויך נעדאַרפט שטערען די דאָזיגע ווילדע אויסגעשרייען, וועלכע שטערען געוויס דעם נאָרמאַלען גאַסען-פערקעהר, וואָרום זיי שטעלען זיך אַוועק אין מיט גאַס און אַרום זיי זאַמלען זיך מחנות מענשען.

די יודען אין גאס ווייסען שוין, ווען זיי מאַכען דעם שפּאַציר און רופען עס אָן „דער שדים-מאַרש".

צו וואָס דאַרף מען דאָס?...

דעם פערגאַנגענעם שבת צונאַכטס איז פאָרגעקומען אַנ'אַקאַדעמיע, געווידמעט דעם „מפעל אָרלאָזאָראָוו", צו וועלכער ס'איז געקומען אַ ספּעציעלער דעלעגאַט פון וואַרשא ה' ביאַלאָפּאָלסקי.

צו דער דאָזיגער אַקאַדעמיע האָבען זיך אויך אבער געגרייט געגנער, וועלכע האָבען געוואָלט זיך אַריינבעקומען אין זאָל. ווען דאָס איז זיי אָבער נישט געלונגען, האָט מען זיך אָנגעהויבען צו בעשיטען מיט „קאָמפּלימענטען", וועלכע האָבען געלאָזט סמנים אויף די פּנימ'ער אָדער אויף אַנדערע מענשליכע אברים, אַזוי, אַז אַ סך זענען אַחעק געניזוקט'ע.

פרעגען זיך די אינציאַטאָרען אַזוי: אויב די געגנער אָרדנען איין זייערע אַקאַדעמיעס, צי שטערט זיי עמיצער, זיי, וועלכע פּרעדיגען יושר און גערעכטיגקייט, ברודערליכקייט און פרייהייט פון וואָרט, ווי אַזוי קאָנען זיי קומען אויף אַ פרעמדע אונטערנעמונג און שטערען און זאָגאַר בענוצען כלי-מלחמה, איבערהויפּט, וואָס פאַר אַ נוצען ברענגט דאָס? איבערצייגען מיט אַזעלכע מיטלען, קאָן מען אוודאי נישט, טאָ צו וואָס דאַרף מען דאָס?...

דער אָנהויב איז געווען נישקשה.

דער יודישער טורן-און ספּאָרט-פעראיין „מכבי" האָט אויפ'ן ווינטער-סעזאָן געדינגען אַ גרויסען לאָקאַל, דעם זאָל פון געוועזענעם „ראַזמאַיטאָששי"-טעאַטער און לכבוד דער ערעפנונג איז פערגאַנגענעם שבת צונאַכטס איינגעאָרדנט געוואָרען אַ פייערליכער אָ-יוענד, פערבינדען מיט אַ דאַנסינג.

דאָס ביסעל יוגענד האָט זיך פערזאַמעלט און אונטער די קלאַנגען פון מוזיק האָבען זיי זיך זעהר גוט געוויילט.

ס'איז אויך פאָרגעקומען אַנ'אָפיציעלע טייל מיט רעדעס, בעגריסונגען, אַדורכשנײדען אַ ווײדענע באַנד א.ז.וו.

דער עיקר אבער: וואס וועט ווייטער זיין? צי האט דער „מכבי" די כחות, וועלכע זאלען קאנען אויסהאַלטען דעם לאָקאַל און דער עיקר צי וועט ער איהם ווי געהעריג אויסנוצען?

אַמאָל זענען געווען אין טשענסטאָכאָוו גאַנצע 4 יודישע ספּאָרט-קלובען און יעדער האט געהאַט אַ בעזונדערן לאָקאַל מיט אויסגאַבען, היינט זענען אַלע פעראייניגט אין איין קלוב, סופדעסטוועגען איז דאָ אַ ממרא, אַז–איך וויל מיין מויל נישט ברענגען צו קיין בייז...

וואלט טאַקי געווען אַ יושר, אַז די לייטונג פון „מכבי" זאל אנווענדען אַלע מעגליכקייטען, אַז דער איינציגער יודישער ספּאָרט-קלוב אין אונזער שטאָדט זאָל רעפּרעזענטירען די גבורי ישראל פון דער היגער יודישער יוגענד:

שבת-צו-נאַכטס האט מען געמאַכט „שהחיינו" איבער'ן נייעם פרעכטיגען לאָקאַל; זאָל עס ברענגען די געהערי-

הויך און געזונד און בין געוועזן די איינציגע פרייד און שטיצע פון מיין מאמע דער אלמנה. אין אונזערע בערג האט מען נישט געוואוסט כמעט פון דעם איבריגען בייזען, וואס אויף דער איבריגער וועלט טהוט זיך. פריצים זענען, ווי דו ווייסט, אין אונזערע בערג, נישט פערהאן, מיר קענען נישט דעם בייטש און די נאהייקע פון נא-סטאווניקעס, אונזערע רוקענס זענען שטאלץ און גלייך, מיר זענען פריי ווי די אדלערס. דער וואלד איז אונזער; מיר יאגען דארט פרעהליך בערען און הירשען. די „פאלאנינעס" זענען אונ-זערע, מיר פאשען דארט אויס די שאף, פון דארט שאלען די ניגונים פון טרעמ-ביטעס, פליארען און דודעס, מיט וועלכע די „באצעס", וואס פאשען די שאף פאר אונזערטוועגען, פערקירצען זיך זומער די לאנגע, זוניגע טעג.

דארפען פערקריכען ביז צו אונז עפיס מאנדאטארען און קאמיסארען, אויס אונז מאכען רעקרוטען, אונז אב-שערען זיי לאנגע קיטשערעס, אנטהון ענגע, קייזערישע רעק און וועלען פערפיהרען אונז ווייט פון אונזער היים, ווייט, קיין וויען ערגיץ, איבער'ן טיע-פען דונײַ, אהין, וואו די ווראנעס ווע-לען אפילו אונזערע ביינער נישט פער-טראגען.

האט מען אונז געבראכט קיין קא-לאמיי, [illegible] מיט זעלנער, ביז א נאכט האבען מיר זיך אבגעשמועסט, זיך געשטארקט, בעפאלען אונזער וואך, זיי געבונדען און מיט זייערע געווע-רען אנטלאפען אין די בערג, אין אונ-זערע בערג.

פון דאמאלס אן פיהרען מיר א קאמף מיט זיי און מיט זייערע געזעצען. א קאמף אויף לעבען און טויט. און שווער איז אונזער קאמף און געפעהרליך איז אונזער לעבען. און ווי דו זעהסט האבען מיר ביז היינט תמיד מנצח גע-ווען...

ז.

די געשעדיגטע הברים האבען זיך שוין אויפגעהויבען פון די געלעגערס און געווארט אויף דאבאש'ן, וועמענס וואונדען זענען שוין אויך געווען כמעט געהיילט. ער האט שוין מיט זיינע הענט געקענט בעוועגען און איז ארומ-געגאנגען אין געדאנקען איבער דעם טאל.

ער האט זעהר געגארט מיט'ן בעש"ט הקדוש צו רעדען. און איינמאל, נישט קאנענדיג זיך איהם דערווארטען, האט ער זיך אנגענומען מיט כח און האט אנגעקלאפט אין זיין היילער'ס שטוב.

בעש"ט האט איהם אריינגעלאזט און ער האט נייגעריג זיך ארומגעקוקט אין דעם ארימען שטיבעל, אין וועלכען עס האבען זיך געפונען פון תפצים א ברייטע פריטשע מיט שטרוי מיט א ווערעטע צוגעדעקט, א טיש מיט איין באנק, אויפ'ן טיש ספרים. אין ווינקעל א ליימענער אויווען, פון וועלכען דער רויך האט געהאט זיין ארויסגאנג דורך דער טהיר.

דאבאש האט מיט א וויכצן, בעדוי-ערענדיגען קול זיך אנגערופען:

„מיר וועלען זיך באלד געזעגענען, הייליגער מאן, האב איך דיך געוואלט נאך זעהן אין דיין אייגענער דירה. האכ מיר נישט פעראיבעל די דרייסט-קייט"...

„אדרבא, אדרבא—האט איהם בעש"ט געענטפערט—איך בין צופרידען ביז גאר, וואס דו ביזט געקומען. אויף אזא אופן וועל איך דיר פריהער דעם פלאן איבערגעבען, וועלכען איך האב פאר דיינעטוועגען אויסגעטראכט, כדי דיך מיט דיינע חברים מציל צו זיין, אויב איהר ווילט ווערען בעלי-תשובות. הער מיך אלזא אויס, וואס איך ראט דיר, ווארף אוועק דאס גזלנות און טראג דיך אב מיט דיינע חברים איבער די בערג אין דער מאלדאווע, צו דעם תוגר. דארט ווערען קריסטען פאר זעל-נער נישט גענומען. קיינער קען אייך דארט נישט. בעזעצט אייך, קויפט אייך ערד און טהוט תשובה. און שפעטער קענט איהר נאך אייערע מיידלעך עמי-צען שיקען, אויב זיי וועלען אייך טריי בלייבען און האבען חשק מיטצוגעהן — און איהר וועט דארט מיט זיי חתונה האבען.

דאבאש, מיט וועלכען עס איז אין דער צייט פון זיין מחלה פארגעקומען א גרויסער שינוי און וועלכער האט דורך בעש"ט נאהנטקייט, באמת גע-בענקט נאך לייטערונג איז פון דעם פלאן נתפעל געווארען. היציג, ווי ער איז געווען בטבע, איז ער פאר פרייד אזש אונטערגעשפרינגען.

איך טהו ווי דו הייסט, הייליגער מאן, האט ער אויסגעשריגען—„ביהמע באזשע" איך טהו—האט ער מיט א נדר בעקרעפטיגט.

נאר בעש"ט האט צוגעגעבען:

— אויב דו ווילסט אבער, אז דיין פלאן זאל אויסגעפיהרט ווערען גליק-ליך, זיי געווארענט צו האבען חרטה און זיך אומצוקעהרען צוריק אין די טאלען, נאר דו מוזט זיך גלייך פון דאנען לאזען אין וועג און זיך ביז צו מאלדאווע דערשלאגען...

און דאבאש האט פערזיכערט: „איך וועל דיך פאלגען און אלץ טהון לויט דיינע הייליגע ווערטער און זיי גע-בענשט פאר דער דאזיגער עצה.

און דאבאש איז מיט א נייער נשמה, אויפגעריכט און פול מיט נייע האפ-נונגען, ארויסגעלאפען ממש פון דער שטוב צו זיינע חברים.

ח.

בעש"ט הקדוש'ס עצה, וועלכע דא-באש האט מיט התלהבות איבערגעגע-בען זיינע חברים, איז אינגאנצען צו-געפאלען צו זייערע הערצער.

אויך זיי, גאודאווסקי'ס זיהן, הא-בען זיך פערבענקט נאך א רוהיגען דאך איבער'ן קאפ, נאך באלעבאטע-שאפט, ווייבער און קינדער...

זיי זענען די לעצטע פאר טעג ארומגעגאנגען גלייך מיט דעם געהייל-טען דאבאש'ן, ווי פערחלומ'טע, גע-שמועסט וועגען זייער לעבען שפעטער און איילענדיג געמאכט הכנות צו זיי-ער נסיעה.

ענדליך איז געקומען דער טאג פון אוועקגעהן. זיי האבען זיך אלע אויס-געשטעלט אין קאראהאד, איינציגווייז פון בעש"ט הקדוש געזעגענט און איהם געדאנקט מיט ווארימע ווערטער דער-פאר, וואס ער האט זיי אויפגעריכט אויף דער נשמה און אנגעוויזען דעם וועג צו פרייהייט.

בעש"ט הקדוש האט אויף יעדען פון זיי ארויפגעלעגט די האנד און איהם געבענשט. מיט דאבאש'ן האט זיך בעש"ט לאנג געדריקט די הענד. דאבאש'ס אויגען זענען געווען פייכט.

פון דערווייטענס האבען זיי נאך לאנג געהוידעט מיט די בעצירטע היטלעך און בעש"ט האט זיי אבגע-ווינקט מיט זיין הייליגער רעכטער האנד.

פ. בלומענקראנץ.

דריי פריינד.

(ערצעהלונג).

ווען זיי האבען זיך צושיידט זענען אלע דריי יונג געווען. זיי זענען געווען שטיפעריש, אבער איינציינג ערענסט יעדער בעזונדער האט געחלומ'ט וועגען א צוקונפט אנ'איבערראשענדער; יעדער האט געהאט אספיראציעס, אונבענרעגיצטע

די דאזיגע דריי יונגע מענשען האבען זיך ג'והאט איינגעלעבט. צוזאמען געטרוים צוזאמען געשטיפט און צוזאמען פון ברענגט די יונגע יאהרען

נור מיט דער צייט האט דאס לע-בען דאס גרויע, טאג-טעגליכע לעבען אנדערש געמאכט. די ווירקליכקייט האט זיי צושיידט אין בעזונדערע ער-טער. און אין זייער פריינדשאפט איז אריינגעקומען בהדרגה'דיג אנ'אבקיה-לונג. פון אנהויב האבען זיי נאך גע-שריבען צו זיך, אבער שפעטער, זיי-ענדיג פערנומען מיט די תמיד'גע זארג, איז אויך די בריפליכע פערבינ-דונג שוואכער געווארען ביז לגמרי איבערגעריסען.

צוליעב דעם איז טאקי די איבערראשונג געווען א גרויסע ווען די דאזיגע דריי ידידים האבען זיך צונויפגעטראפען צופעליג אין קור-ארט ק. ביים וואסער-טרינקען.

— גאט מיינער, דוכט זיך, אז אשר — האט אויסגעשריגען זלמן טריוואקס א יונג-מאן מיט א גלאט-ראזירט פנים און פעקעמטע נאסע האר. מיר זאלען אזוי אלע גע-זונד זיין ווי אשר לאנדסבערג!

לאנדסבערג, א יינגערמאן פון א יאהר עטליכע דרייסיג א הויכער, דא-רער מיט גרויסע ברילען אויף דער ביינערדיגער נאז, האט געקוקט אריי-דרינגליך אין פנים פון זלמנ'ען און אדורכגעזייהט צווישען די ציינער, ווי נישט ווילענדיג:

— אויב כ'האב נישט קיין טעות זענט איהר ביסטו זלמן טריוואקס?

— א טעות! זלמן פענטאק אין זיין איינגענער פערזאן. דו דערקענסט נישט זלמנ'ען? א בראך איז צו מיינע יאהר! אבער משה וועסטו יא דערקענען. משה „קאנסערווירט" זיך גוט. געהאט א ווייב און זי ניך פטור געווארען. מיט איין ווארט: ער שלאפט נישט אין די בגדים.. נו דו ווייסט נאך נישט חמור-קאפ, וועמען איך מיין? אונזער אלטען „פשיאטשעל'" — משה וועלקא-וויטש, האט טריוואקס צוגעגעבען.

אזוי האט טריוואקס, אג'אלטער קא-וואליר, מיט זיין געפעפערט לשון, אנ-געהויבען דערצעהלען וועגען פערשי-דענע איבער-לעבענישען, געשפרונגען פון איין ענין צום צווייטען און גע'א-רען סענטימענטאל:

— דו געדענקסט, „מרוק" איינער, אונזערע אוועגרען? געזעסען אויף א פעררוקטער באנק אין שטאדט-גארטען אין געוועבט אינזערע חלומות דו האסט דוקא געוואלט זיין א שרייבער, א גרויסער. דו פלעגסט ברומען ווי א בער:

—צום טייוועל! אוי, וואלט איך געוואלט שרייבען, אבער נישט פלאפלען, נור מאלען אייפציטערן די הערצער פון די מויזענדער פערשטיינערטע בעל-בתים לעך, געפינע' דאס געהעריגע ווארט, אום ס'זאל די הינ'ערטער טוי ענדער צבוע'קעס אויף דער וועלט צוקלע-מען ביים הארץ! בערוּבּין זיי דעם שלאף! דו געדענקסט דיינע דבורים?

— און איך אין אזאלכע מינוטען האב גע'חלומ'ט וועגען זיין א געזעל-שאפטליכער טהוער פון ריינעם מין, ווערען א טריבין, שטורמען און בע-צוואינגען טענשליכע הערצער. דו גע-דענקסט — איז טריוואקס אריין אין התפעלות — ווי איך בין אין אזעלכע אווענדען אריין אין עקסטאז און אנגע-הויבען פאר דיר און משה'ן רעדען, רעדען ביז מ'האט אנגעהויבען קלינגען אין נאכטען, דערמאנענדיג אונז, אז מ'דארף שוין אהיימגעהן.

— און אפילו אונזער פלירטעווען — האט ער געהאלטען אין איין דבר'ן — מיר זענען נישט געווען באנאל, ווי די אנדערע חברה-לייט געפיהרט מיט די מיידלעך געשפרעכען „הויכע" און איינציינטיג נור געכאפט א סיבּטעלען פלירט. אלץ איז געווען בעהויכט, א'ך „סיבּטעל".

טריוואקס האט פלוצים איבּער'גע-ריסען, ער האט דערזעהן פונדערוויי-טענס זייער דריטען חבר משה וועלקא-וויטש א ן ר'איז מיט רעש צוגעלאפען צו איהם:

— וואו בעהאלטסטו זיך, דו צו-קראכענער פילאזאף, מיר זוכען דיך שוין א'ום א שעה צייט?

זיי האבען בעשלאסען נישט דרעהען זיך אויפ'ן „רעזשאק", נאר אריינגעהן אין א קאפע-הויז, בעזונדער האט צוגע-רעדט טריוואקס.

— וואס וועט איהר, בטלנים, זיך ארומדרעהען ווי די גולמ'ס? קומט אריין, וועט איהר כאפען א טענציל. בעקוקען שעהנע מיידלעך און „לעבען" א גוטען טאג.

* *

אין קאפע-הויז איז געווען היימליך. דער ארקעסטער האט אויסגעשפילט די נייעסטע טאנגא'ס מיט קולות וברקים. יעדע מינוט האט זיך א צווייטער פון דער ארקעסטער אייגעשטעלט און אריינגעבלאזען אין זאל א-יי. דער סאקסאפאן האט געמאכט „קאזשעלקעס", געקיימשעט, געוואיעט, געפישמשעט און געוויינט ווי א קינד. דער דיריגענט אין איינציינטיג דער ערשטער פידלער האט זיך געדרעהט אין אלע פיער זיי-טען—ווי כדי לעצור רוחית רעית— און געשמייכעלט צום „עולם". ער האט געארבייט מעשים מיט זיין פי-דעל און פער'דבק'ט זיך ביי מאנכע סאלא'ס, ווי, להבדיל, א חסידישער יור ביי תפלה זכה.

דער רושאזבאנדיסט האט אריינגע-שריגען אין „הילכער":

„ליעבע איז נעיען און וועט זיין".

די קעלנער האבען זיך געשלייכט צווישען די טישלעך, פערנוינט זיך און נאטירט. מיידלעך האבען געפענט אפט די האנד - בייטלען, כדי נאר צו קאנען אלירען זייער מראה און תמיד עפ"י געפונען נישט אין ארדנונג.

בעזונדער האבען „שטארק" מקפיד געווען אויף די נעז, ליפען און זייערע עישט-געמאלטע אנדולאציעס די פרויע', כע האבען ל'ע נישט געהאט קיין ערפאלג.

זיצען אזוי אזעלכע צוויי „פערלאזע-גע", קוקען זיך איין אין די שפיגלע, זענען מתקן די פריזורען אין איינע רופט זיך אן צו דער צווייטער:

— וויעש, ניעמא אני יעדנעגא עלע-גאנצקיעגא מענשטשיזני נא סאלי!

— מאש ראציע, מאיא קאכאנא — ענטפערט די חבר'טע און ווערט אבער פלוצים רויט פאר איבערראשונג, מיי-נענדיג עפ"י טעות, אז א יונגערמאן געהט צו איהר אום צו בעטען טאנצען.

ז' בלייבט פערשעהמט, חיל נישט, אז די חבר'טע זאל בעמערקען דעם טעות און ניט צו:

— וולאשניע, זביעראנינא אי ניע וויענצעי.

די פארלעך רוהען זיך עטייאס אן און מאהגען וויטער. די פערשוויצטע מיזיקאנטען מאכען בלומרש'ט צופרי-דענע מינעס און נעמען זיך צו זייערע כלים. דער רושאזבאנדיסט שרייט כמעט הייזעריג:

„קום אויף מיינע קניהען
און קוש מיך..."

— נו—רופט זיך אן טריוואקס — דער עולם לעבט, האַ?

(המשך קומט).

גע רעזולטאטען, וועלכע מען ווינשט זיך.

דער אנהויב איז געווען נישקשה.

מכח א טשענסטאכאווער קאלאניע אין ארץ-ישראל.

צו אונז אין רעדאקציע קומט אריין א יוד, וועלכער דערצעהלט, אז ער האט געגרינדעט א קאמיטעט, וואס האט די אויפגאבע צו שאפען א טשענ-סטאכאווער קאלאניע אין א"י און ער וויל, אז מיר זאלען שרייבען וועגען דעם אין דער צייטונג.

דער יוד איז אזוי בעגייסטערט פון דאזיגען פלאן, אז איך האב נישט קיין מוט איהם זיין בקשה אבצוזאגען.

ער האט שוין—זאגט ער—אויף זיין זייט אלע היגע ציוניסטישע פערזענ-ליכקייטען, וועלכע האבען צוגעזאגט צו אונטערשטיצען זיין פלאן בכל כוחם און ער אפעלירט צו די טשענסטאכא-ווער יודען, אז זיי זאלען זיך נאר קו-מען פערשרייבען.

אויף דער דאזיגער קאלאניע וועלען זיך קאנען בעזעצען אלע יודען, סיי ארים, סיי רייך און עס וועט זיך אנ-הויבען א לעבען. די ארימע וועלען אונטערשטיצט ווערען דורך די רייכע און דארט אין ארץ-ישראל וועלען אלע זיין גלייך.

איך ווייס נישט, צי דאס איז א פאנטאזיע, אדער ס'האט ממשות'דיגע פערספעקטיוען, נאר אז דער יוד מייגט עס ערנסט—דאס איז א פאקט, כ'ווייס, מיר לעבען דאך היינט אין אזא צייט, ווען אלע אונמעגליכקייטען זענען דאך מעגליך...

זיי האבען פערשפילט.

דעם פערגאנגענעם זונטאג איז פאר-געקומען א מייסטערשאפטס-מעטש צווי-שען היגען „מכבי" מיט א ווילנער נישט-יודישער דרוזשינע וועגען אריינ-געהן אין דער „א"-קלאס.

אויפ'ן פלאץ האפע, זיך פערזאמעלט א פאר הונדערט מענשען, וועלכע זע-נען געווען געשפאנט און האבען גע-בעטען, אז אונזערע זאלען געווינען. ליידער אבער האט די הצלחה זיך אבגעטהון פון אונז און ביז דער ער-שטער פויזע האבען זיי אונז אריינגע-קלאפט 2 גאלען.

איך זאג די הצלחה, ווייל די צוויי „גאלען" זענען אריין נישט מיט זיי-ערע הענד, נאר דער ווינט, וועלכער האט שטארק געבלאזען אין דער זייט פון יודישען „טויער", האט מיטגע-האלפען, אז די פילקע זאל אריין, שפעטער אבער ביי דער צווייטער העלפט, האבען אונזערע יונגלעך אויך זיי אריינגעקלאפט א גאל; דעם נצחון אבער האט מען שוין נישט געקענט דעריאגען און אזוי ארום האבען „זיי" די „מכבי"-שפילער (ווען מ'וואלט געוואונען, וואלט איך געשריבען, אז „מיר" האבען געוואונען, אזוי ווי יע-נער אדוואקאט) פערשפילט.

כאראקטעריסטיש איז אבער פאלגענ-דער פאקט, וואס ווייזט ארויס בולט'ע טענדענצען אויף יעדען געביעט, אויב עס האנדעלט זיך ביי יודען.

נאך ער פויזע, בעת די יודישע ספארטלער האבען געהאט שאנסען צו-ריקצוקלאפען גאלען, האבען די גע-גנער נאר געארבייט, אז דאס שפיעל זאל ווערען אבגעשלעפט, ווארום דעם זיעג האבען זיי דאך שוין געהאט אויף זייער זייט. דערביי האבען זיי מיטגע-האלפען די מאגיסטראט בעאמטע, וועל-כע האבען זיך געפונען אויף דעם שכנות'דיגען פלאץ (דער מאגיסטראט-פלאץ גרעניצט זיך מיט דער באאיסק) און ווען די פילקע איז בעת'ן שפילען אריבערגעפאלען אויפ'ן מאגיסטראט-פלאץ האבען די בעאמטע נישט גע-וואלט אבגעבען די פילקע א לענגערע צייט, כדי די יודען זאלען זיי נישט קאנגען אריינקלאפען קיין „גאלען".

אויף טריט און שריט האט מען נגישות און שיקאנעס און דעריבער האבען „זיי" טאקי פערשפיעלט.

זיי זענען ווערט אנערקענונג.

דאס מיין איך די לייטונג פון דער געזעלשאפט „אחיעזר", וועלכע פיהרט איהר אינסטיטוציע אין בעסטען אר-דנונג און גיט אב דעם געהעריגען כבוד אזוי גוט זייערע לעבעדיגע, ווי אויך די פערשטארבענע מיטגלידער.

דעם פערגאנגענעם שבת איז אויס-געפאלען די יאהרצייט פון זייער פער-שטארבענעם מיטגליעד ז פייגלאוויטש, זענען די פרעזידיום - מיטגלידער ה"ה: פראפארט, זיסמאן און גאלסטער, אנ-געטהון אין די „אחיעזר"-צייכענס, גע-קומען אין דער שטאדט-שוהל, וואו מען האט זיי אנגעגעבען דעם געהעריגען כבוד און דער חזן באדאש האט גע-מאכט א פייערליכע הזכרה, וואס האט געמאכט אויף די אנוועזענדע א טיע-פען איינדרוק.

דאס זעלבע איז פארגעקומען אין דער נייער סינאגאגע.

קומט טאקי די ראשי-אחיעזר פאר זייער אויפמערקזאמקייט—אנערקענונג.

ער בעשטעהט נישט אויפ'ן שידוך.

ווייסט איהר כאטש, אז אין טשענ-סטאכאוו עקזיסטירט א חברה „הכנסת כלה". דער בעסטער סימן איז, אז יע-דע פאר טאג קומט פאר א בלימעל-פערקויף און עס ווערט געזאמעלט געלד אויף... כ'האב געוואלט זאגען: „אויף חתונה צו מאכען ארימע כלות, נאר היות ווי ביז-איצט בין איך נאך נישט איינגעלאדען געווארען אויף קיין איין חתונה, קאן איך נישט בעשטעטי-גען, צי די „הכנסת כלה" האט שוין חתונה געמאכט כאטש איין יודיש מיי-דעל.

אבער נישט נאר אויף קיין חתונה בין איך נישט געווען, נאר אפילו קיין אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער גע-זעלשאפט האב איך אויך נאך נישט בייגעוואוינט, סיידען זיי מאכען אי-בערהויפט נישט קיין אלגעמיינע פער-זאמלונגען...

טא, רבותי, איז די קשיא: אויף וואס פאר א צוועקען זאמעלט מען די דאזיגע געלדער און איבערהויפט ווער זענען דאס די יודען, וועלכע פערנע-מען זיך מיט דער אזוי - גרויסער „הכנסת כלה" געזעלשאפט, צי איז ביי אונז טאקי אזוי הפקר, אז יעדער, ווער עס וויל, קאן זיך אנפיהרען אנא-נ'ם מיט געזעלשאפטען.

איבערהויפט וואלט כדאי געווען צו וויסען' אין וואס עס בעשטעהט די טעטיגקייט פון דער דאזיגער געזעל-שאפט, וועלכע רופט זיך אן מיט דעם הויך-קלינגענדען נאמען: הכנסת כלה.

גאנץ ריכטיג, האט ר' שאיע מיינס א פריינד, געזאגט, בעת מען האט איהם געוואלט איינשטעקען א בלימעל אין לאץ פאר „הכנסת כלה", איך וויל נישט—זאגט ער—אייערע בלימלעך, איך וויל נישט [illegible] קיין נדן, ווייל... איך בעשטעה נישט אויפ'ן שידוך.

יא, מיינע פריינד, איהר זענט שול-דיג אנ'ענטפער דער בעפעלקערונג, וואס איהר טהוט מיט דעם געזאמעל-טען געלד, ווארום אנדערש וועלען מיר נישט בעשטעהן אויף דעם שידוך.

לוית

הרב ר' מאיר שפירא ז"ל.

דעם פערגאנגענעם פרייטאג 4 א זייגער פארטאגס איז נאך א קורצע אבער שווערע האלז-פערקיהלונג, נפטר געווארען אין עלטער פון 47 יאהר דער לובלינער רב הרב שפירא ז"ל.

דער נפטר איז געווען איינער פון די גרעסטע רבנים און גאונים אין פוילען. ער האט מיט זיך פערקערפערט גלייכצייטיג מיט דעם גאון און הייסען חסידישען יוד, אויך דעם אקטיווען כלל-טהוער מיט וועלטליכע בילדונג, קלארע אריענטאציע און בליק אינ'ם לעבען.

געבוירען אין גאליציען, האט ער זיך בעקאנט געמאכט דעם פוילישען יודענטום סך-הכל ערשט מיט 10 יאהר צוריק, ווען אין יאהר 1922 איז ער אלס קאנדידאט פון דער „אגודת ישראל" אויסגעוועהלט געווארען אלס דעפוטאט צום פוילישען סיים. פון דאמאלס אן הויבט זיך אן די קייט פון זיין אונערמידליכער טעטיגקייט און ארבייט לטובת הכלל.

אין יאהר 1923 ווערט ער, אויף דער ערשטער „כנסי' הגדולה" אין ווין, אויסגעוועהלט אלס מיטגליעד אין דער אלוועלטליכער עקזעקוטיווע פון „אגודת ישראל". לויט זיין פארשלאג איז דאמאלס בעשלאסען געווארען דאס לערנען דעם „דף-יומי".

א קורצע צייט איז ער פרעזידענט פון „אגודת ישראל" אין פוילען.

אין יאהר 1925 ווערט ער אויסגעוועהלט אלס פיעטרקאווער רב און גרינדעט דארט א ישיבה.

אבער דאס אלץ האט איהם נישט בעפריעדיגט. אלס זיין לעבענס-ציעל האט ער בעטראכט דאס ערציהען און אויסשטעלען תלמידים, נאכפאלגער, צוקונפטיגע רבנים, גרויסע תורה-אויטאריטעטען און מנהיגי העדה. ער האט זיך תמיד ארומגעטראגען מיט'ן געדאנק צו גרינדען א וועלט-ישיבה אין איינער פון די גרעסטע שטעדט אין פוילען. ער וועהלט דאן צו דעם צוועק די היסטארישע שטאדט לובלין, וועלכע ווערט אנגערופען אין דער געשיכטע פון פוילישען יודענטום, אלס דאס „ירושלים דפולין".

דער לובלינער גביר שמואל אייכענבוים שענקט א פלאץ אויף דער ישיבה און אין יאהר 1926 ווערט געלעגט דער גרונדשטיין פאר דעם גראנדיעזען ישיבה - בנין, וועלכען דער גרינדער הרב שפירא, האט בעשלאסען צו בויען מיט גרויס שוואונג, לויט די נייעסטע טעכנישע בעקוועמליכקייטען, היגיענישע פארלאנגען און ארכיטעקטאנישען פראכט.

און דא הויבט זיך ערשט טאקי אן פאר דעם גרינדער דאס שווערע קאפיטעל פון לאנגען גלות און וואנדערונגען איבער דער וועלט, אום צונויפצוזאמלען די דערצו נויטיגע גרויסע געלד-סומען. לאנג, לאנג איז דער ישיבה בנין געשטאנען אומאויסגעפערטיגט און געווארט אויף די געלד-סומען, וועלכע זענען נויטיג געווען צו זיין אויספערטיגען, ביז ענדליך נאך קנאפע 2 יאהר צייט פון וואנדערן איבער די פערשידענע לענדער פון אייראפא און אמעריקא, האט הרב שפירא ז"ל צוריקגעקעהרט און אנגעפאנגען ווידער די ארבייט צו פערענדיגען.

אין תרצ"א קומט פאר די גרויסע פייערליכע ערעפנונג פון דער ישיבה פיים אנטייל פון א זעכציג טויזענד יודען און פיעל, פיעל רבנים. הרב שפירא ווערט דעמאלס אויך אויסגעוועהלט אלס לובלינער רב. פון דער צייט אן ציהט זיך הרב שפירא צוריק פון זיינע אלע אנדערע געזעלשאפטליכע ארבייטען און ווידמעט זיך אינגאנצען זיין לעבענס - ליבלינג, דער ישיבה א. נ. „ישיבת חכמי לובלין".

אין די לעצטע יאהרען, ווען די ישיבה האט זיך פערשולדיגט אויף בעדייטענדע סומען געלד האט הרב שפירא ז"ל ווידער אנגעשטרענגט אלע זיינע כחות, זוכענדיג פערשידענע מיטלען, ווי אזוי די ישיבה ווייטער אויסצוהאלטען. די לעצטע צייט האט די שטאדט לאדז אונטערהאנדעלט מיט דעם גאון ז"ל צו איבערנעהמען דעם וואקאנטען פאסטען פון לאדזער כסא הרבנות. זעהענדיג דערין א געלעגענהייט צו דעקען א גרויסען טייל פון די ישיבה-חובות, האט הרב שפירא ז"ל בעשלאסען דעם פאסטען אנצונעהמען, נאר אונטער דעם בעדינג, אז די שטאדט לאדז זאל זיך מתחייב זיין צו דעקען א טייל פון די ישיבה-חובות אין דער הויך פון 100 טויזענד זלאטעס און איהם לאזען פריי איין וואך אין חודש צו בעזוכען די ישיבה אין לובלין.

צוויי טאג פאר זיין פטירה איז קיין לובלין געקומען א דעלעגאציע פון דער לאדזער קהלה, די געשטעלטע בעדינגונגען צו אקצעפטירען. זיי האבען אבער געטראפען דעם רב קראנק. נישט נעהמענדיג די קראנק ערנסט האט קיינער זיך נישט געריכט, אז אין צוויי טאג שפעטער וועט הרב שפירא אינז פערלאזען אויף שטענדיג.

הרב שפירא האט געהערט צו די זעלטענע יודישע פיהרענדע פערזענליכקייטען. טראץ דעם, וואס דער נפטר איז געווען א פיהרער פון א פאליטישער פארטיי („אגודת ישראל") האט ער דאך זיך ערווארבען סימפאטיע און אכטונג ביי אלע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג אהן אונטערשיעד פון פארטיי-צוגעהעריגקייט.

אין דער צייט פון זיינע וואנדערונגען איבער די פערשידענע גרעסערע יודישע קיבוצים האט הרב שפירא ז"ל אומעטום בהגייסטערט זיינע מאסען צוהערער מיט זיין רעדנער-טאלענט.

אויך מיר אין אונזער שטאדט האבען געהאט די זכיה מיט דריי יאהר צוריק צו האבען דעם גרויסען נפטר אלס גאסט ביי אונז. מיר האבען דא מאלס געהאט די געלעגענהייט צו געניסען פון זיין ווארימער, גייסטרייכער רעדע בעת זיין ארויסטריט אין פייערלעשער-זאל.

מיט דעם אוועקגעהן פון הרב שפירא ז"ל האט דאס פוילישע יודענטום פערלוירען איינעם פון זיינע שענסטע און גרעסטע פערזענליכקייטען.

חבל על דאבדין.

די ידיעה וועגן דער פטירה פון לובלינער רב ז"ל איז אנגעקומען צו אונז אין שטאדט פרייטאג האלב 1 בייטאג דורכ'ן פוילישען ראדיא, וועלכער האט די ידיעה געגעבען צווישען די קאמוניקאטען פון „פאט". תיכף איז זיך צוזאמענגעקומען די אגודה-פערוואלטונג און בעשלאסען ארויסצוגעבען כרוזות וועגען דער פטירה. ארום די דאזיגע מודעות, וועלכע זענען אין א קארגער צאהל פערשפרייט געווארען האבען זיך פערזאמעלט גרופען מענשען און כסדר ארומגערעדט די דאזיגע אונפארהאפטע אבידה, וועלכע האט אלעמען דערשיטערט ביז גאר. א גאנצען שבת איז די דאזיגע פלוצלינגע פטירה געווען דאס טעמא פון געשפרעך. אין אלע בתי-תפלה און בכלל אומעטום, וואו יודען זענען זיך צונויפגעקומען האט געהערשט א טיעפער טרויער.

זונטאג איז פארגעקומען א הזכרה אין דער שטאדט-שוהל, ווי אויך אין לאקאל פון דער „בית-יעקב" שולע. די דאזיגע הזכרות זענען צאהלרייך בעזוכט געווארען און בעת די הספדים האבען זיך געהערט אונאויפהערליכע געוויינען און שלוכצערייען. אין דער שטאדט שוהל האבען מספיד געווען אין נאמען פון רב שליט"א, וועלכער האט צוליעב זיין שוואכען געזונד צושטאנד נישט געקענט קומען, דער מו"צ ר' יוסף נ"י, ווי אויך דער הי'גער מטיף ר' יוסף שמעון קאבלינג. אין דער „בית יעקב" שולע, וואו ס'איז פארגעקומען א טרויער-פערזאמלונג, האבען אין ריהרענדע ווערטער גערעדט וועגען לעבען און טעטיגקייט פונ'ם גרויסען נפטר ז"ל די ה"ה: קאהן, פויגעל אין בעער.

קליינינקייטען.

מ'אמיר יוצא געווען...

דער 31-טער פאזשדזיערניק איז דער אזוי-גערופענער אינטערנאציאנאלער אבשפארונגס-טאג, אויף ווען די קאאפעראטיווען, בענק, שולען און עהנליכע אינסטיטוציעס פראקלאמירען די לאזונג וועגען אבשפארען. ווע'סטו אבשפארען, וועסטו האבען אויף דער עלטער, טאמער נישט — וועסטו מוזען געהן מיט א טארבע.

איך האב אריינגעטראכט אין דעם אבשפארונגס - פראבלעם און האב אויך געוואלט מקיים זיין די דאזיגע מצוה, כ'האב אבער נישט געפונען דעם געגענשטאנד, פון וואס איך זאל קאנען אבשפארען, סיידען נישט עסען די קארטאפעל מיט'ן בארשט, נישט געהן אנגעטהון די צוריסענע שיך אדער אבגעטראגענע הויזען און אפשר גאר זיך ארויסציהען פון דער קלאגעדיגער דירה און וואוינען אין א באראק, פון וואס אלזא קען מען אייגענטליך אבשפארען?

איך האב אפילו אויסגעפונען פון וואס אבצושפארען. למשל, ווען זיי וואלטען מיך געפאלגט, די מלוכות אין זיי וואלטען אבגעשפארט פון קריעגסבודזשעט, וואלטען מיר פערשפארט אבצושפארען אויף גאז-מאסקעס וכדומה אבער רעד צו איהן, רעד צו איהר, אז עס איז א שאד די רייד און מען דארף זיי בעסער אבשפארען...

לעבען מיר דאך אבער מיט דעם רוח הזמן, מוז מען נאכטאנצען און רעדען וועגען אבשפארונגס-טאג, ווען מען האט אייגענטליך נישט פון וואס צו שפארען...

מ'אמיר יוצא געווען...

דאס איז נישט פשוט...

אין ראבינאט איז יענע וואך געקומען אנ'עלטערער יוד און זיך געוואלט זעהן מיט'ן רב, וועלכען ער האט איבערצוגעבען זעהר א וויכטיגען ענין, ווען מען האט איהם אנגעהויבען אויסצופרעגען אין וואס עס בעשטעהט דער „וויכטיגער" ענין, האט ער דערצעהלט פאלגענדעס, וואס מיר גיבען איבער מיט זיין לשון:

— מיט א פאר חדשים צוריק איז דער אלעקסאנדערער רבי אדור'כגעפאהרען טשענסטאכאוו, בין איך אראב צו דער סטאציע נעמען „שלום". פלוצלונג פיהל איך, ווי עמיצער גיט מיר א שטופ, האב איך דאך פערשטאנען, אז דאס איז נישט עפיס גלאט א שטופ, אז די מעשה איז נישט פשוט. איך האב מיך אבער נישט געמאכט וויסען און בין ווייטער געגאנגען.

מיט עטליכע וואכען צוריק בין איך געווען אין שטאדטישען בית - המדרש, ווען איך בין אהיימגעגאנגען און ביי דער טהיר געוואלט מיט דער האנד קושען די מזוזה, פיהל איך פלוצלינג ווי מען גיט מיר ווידער א שטופ, האב איך דאך פערשטאנען, אז די מעשה איז נישט פשוט. איך האב מיך אבער גארנישט וויסען געמאכט, קיינעם דערפון נישט דערצעהלט, אזוי ווי עס וואלט גארנישט געשעהן.

ערשט יענע וואך געה איך אין גאס און פיהל ווי עמיצער גיט מיר ווידער א שטופ, האב איך דאך שוין פערשטאנען, אז דאס איז נישט קיין גלאטע מעשה. ווען איך האב זיך אומגעקוקט, האב איך אפילו געזעהן, אז גאך מיר געהן נאך עטליכע שכור'ע שקצים, אבער אז איך האב בעקומען א שטופ, דאס איז א פאקט. האב איך דאך געזעהן, אז די מעשה איז נישט גוט, אז אין משך פון א קורצער צייט האט מען מיך אזש דריי מאל געשטופט, האב איך געטראכט. אז איצט טאר מען שוין נישט האלטען קיין סוד און מען מוז עמיצען דאס דערצעהלען און שטעלט אייך פאר, אז דיזעלבע נאכט איז מיר געקומען א מלאך צו חלום און מיר געהייסען איבערגעבען דעם היעגען רב וועגען די דריי שטופען, וואס איך האב בעקומען.

אט דאס בין איך טאקי געקומען און בעט אייך, אז איהר זאלט אזוי גוט זיין און דאס איבערגעבען דעם רב

מצהר האב איך גארנישט וואס צו זאגען, האט דער יוד געענדיגט זיין ערצעהלונג און קושענדיג די מזוזה איז ער אוועק מיט א לייכט הארץ.

איך האלט אבער, אז מיט דעם דאזיגען יוד'ס שכל איז עפיס נישט אינגאנצען פשוט...

זיי ברענגען הכנסה.

צום לויב פון די גבאים פון שטאדטישען בית-המדרש: ר' לייביל לאנדוי און ר' מאיר פאמס מוז געזאגט ווערען, אז זיי פיהרען דאס גבאות זעהר גוט.

דאס אלטע בית-המדרש איז א שטיק חורבה, פונדעסטוועגען בעמיהען זיי זיך מאכען פון צייט צו צייט א רעפאראציעלע, א דאס, א יענץ, אזוי אז ס'זעהט אויס נאך גאנץ לייטיש.

דער עיקר איז אבער, אז אויסער די הוצאות, וואס זיי דארפען אויף די פערשידענע רעמאנטען און אנדערע קליינע אויסגאבען, האבען זיי נאך הכנסות, וואס זיי ברענגען אין דער קהלה.

יענע וואך האב איך אליין געזעהן ווי דער גבאי ר' לייביל לאנדוי האט איינגעצאהלט אין דער קהלה-קאסע א גאנצען הונדערטער.

אין דער צייט, ווען די אלע קהלה'שע אינסטיטוציעס האלטען נאר אין איין מאהנען און נעמען געלד פון דער קהלה, איז דאס בית-המדרש דאס איינציגע, וואס ברענגט פון צייט צו צייט הכנסה און דאס אלץ א דאנק די אויבענדערמאנטע גבאים

ביי דער געלעגענהייט איז כדאי צו דערמאנען דעם שמש ר' קלמן שטשעקאץ, וועלכער האט זיך געשטעלט פאר זיין לעבענס-אויפגאבע אויסצולערנען די פערלאזענע יתומים קדיש זאגען.

ווי ר' קלמן אליין דערצעהלט האלט ער שוין ביים 127 טען יתום און ער ווינשט זיך, אז ער זאל נאך די זכיה האבען צו דערלעבען אויסצולערנען גאנצע 150 שטיק און דאמאלס וועט ער וויסען, אז ער האט זיין לעבענס-אויפגאבע ערפולט.

ר' קלמן ארבייט אין דעם עסק שוין אהן הכנסה...

סעם

קליינער פעליעטאן.

מתיר אסורים...

רבותי, איך קום צו אייך מיט א פראיעקט, וואס וועט, ווי איך האף, ארויסרופען גרויס פרייד און אנערקענונג ביי הונדערטער און אפשר טויזענדער אומגליקליכע און פערדאגה'טע מאנספערשוינען געביך, וועלכע זענען אריינגעפאלען אין דער תפיסה און זענען געבינדען מיט קייטען פון דער פאמיליען הייראט.

קורץ, איך לייג פאר צו גרינדען א געזעלשאפט א. נ. „מתיר אסורים", וואס איהר אויפגאבע זאל זיין אויפצובינדען אומגליקליכע פאר-פעלקער און צוהעלפען, אז זיי זאלען בעקומען א גט.

איך האלט, אז דערמיט וועלען מיר טהון א הומאניטארען אקט. אדרבה, קומט ארויף אין ראבינאט און הערט זיך צו ווי צעהנדלינגער פאר-פעלקער דערצעהלען זייערע צרות, וועט אייער הארץ אנגעפולט ווערען פון צער און רחמנות, זיי קאנען זיך אבער נישט העלפען די פאר - פעלקער, זיי האבען אפילו נישט פאר'ן סופר צו בעצאהלען און צוליעב דעם מוזען זיי זיך ווייטער פייניגען און זיך פערביטערען זייער לעבען. נו, איז דאס נישט קיין צער-בעלי חיים? ווען עס וועט אבער זיין אזא געזעלשאפט „מתיר אסורים", וועלען צוויי חברה-לייט פון דער אינסטיטוציע אוועק אין ראבינאט און ערלעדיגען אלע פארמאליטעטען, אזוי, אז אזא אומגליקליך פארל וועט מיט איינמאל ארויס פון דער אייביגער קנעכטשאפט און ווערען פרייע מענשען.

דאכט זיך, אז קיין גרעסערע מצוה קאן גארנישט זיין.

דאס איז דער אייגענטליכער ציעל פון דער ניי-געגרינדעטער געזעלשאפט.

ווי אזוי מיר וועלען בעקומען מיטלען אויסצוהאלטען די אינסטיטוציע איז אויך נישט קיין גרויסע שוועריגקייט. מיר וועלען טהון אזוי ווי אלע אנדערע אינסטיטוציעס, ווי למשל: הכנסת כלה, מלביש ערומים, זוקף כפופים... און נאך תרפ"ט געזעלשאפטען, וועלכע זענען דא אין שטאדט און פונדעסטוועגען האלטען זיי זיך אויס. מיר וועלען מאכען יעדע פאר וואכען בלימעל - טעג, שיקען די אינקאסענטען אויף חתונות, ברית'ן מיט טעלערס, „שקשה", יעדער חתן וועט אריינוואר-פען א גרויסע מטבע, טראכטענדיג זיך דערביי: אפשר, אפשר וועט ער עס דארפען האבען.. אויך קיין מיטגלידער וועט אונז נישט פעהלען, פערקעהרט, איך בין זיכער, אז קיין איין אינסטיטוציע וועט נישט האבען אזוי פיעל אנהענגער ווי אונזער געזעלשאפט „מתיר אסורים", ווארום וועלכער מאנספערשוין פאלט דאס נישט ארוין...

איבערהויפט איז אנ'עולה, וואס מיר האבען ביז איצט גארנישט געטראכט וועגען דעם אומגליקליכען מאנספערשוין, נאר אלץ געזארגט וועגען דער פרוי.

מיר האבען עטליכע געזעלשאפטען, וואס זענען געווידמעט נאר דער פרוי, ווי למשל „עזרה", וואס פערנעמט זיך אויסשליסליך צו העלפען קראנקע און שוואכע פרויען, דאן „טראפען-מילך" געזעלשאפט, דאכט זיך, אז קיין איין מאנספערשוין האט נאך פון אזא ביסעל מילך נישט גענאסען... ווייטער איז אויך פערהאן א געזעלשאפט, וואס בעזארגט ארימע קימפעטארינס, האט שוין א מאנספערשוין געקריגען אמאל אזא קימפעטארין-שטיצע? ווער שמועסט די „הכנסת כלה" איז דאך אוודאי א ווייבערישע אינסטיטוציע. הכנסת כלה, פארוואס נישט אייגענטליך הכנסת חתן? אלץ פאר דער כלה? דאכט זיך, אז היינט זענען שוין די פרויען נישט אזעלכע נעבעכלעך, וואס מען זאל נאר דארפען טראכטען וועגען זיי. די פרויען זענען היינט גלייכבערעכטיגט און זיי נוצען דאס גוט אויס צו האלטען דעם מאן אויפ'ן סטריטשעק און גיבען איהם צו פיהלען, אז זיי לעבען אויף דער וועלט.

נעמט אויך די געזעלשאפט „טהרות בנות ישראל", נו איז שוין איין מאנספערשוין פון זיי געהאלפען געווארען? גענוג שוין, רבותי, מיט די רחמנותדיגע געזעלשאפטען, וואס זענען אויסען נאר צו העלפען די פעראומגליקליכטע פרויען, נעבעך, אבער אויך מיר האבען א רעכט זיך אליין צו העלפען, און זאל מען נאר אנהויבען עפיס צו טהון, וועט שוין דאס איבריגע אליין קומען.

אונזער געזעלשאפט „מתיר אסורים" וועט אויסער די גט-צערעמאניע, וואס דאס איז דער ענדע-ציעל, אויך גרינדען סוב-קאמיסיעס, ווי למשל, זי וועט טיילען יורידישע עצות, ווי אזוי מען זאל האנדלען, בעת דאס ווייב רודערט צופיעל ארום און ווי אזוי פטור צו ווערען פון א ווייב, אנ'ארורה, אויך איינארדנען א קיך אין א האטעל, וואו די מענער זאלען קענען וואוינען און לעבען, בעת זיי פערלאזען זייערע ווייבער ביז צו דער גליקליכער מינוט פון גט, דאן וועט זיין א ספעציעלע אפטיילונג, וואס וועט געבען עצות געגען שוויגערס וכרומה.

מיט איין ווארט—די געזעלשאפט האט אלע שאנסען צו האבען גרויס ערפאלג.

זאלען מיר נאר אנהויבען צו גרינדען אזא אינסטיטוציע, וועלען אנדערע שטעדט דאס נאכטהון, דאן וועלען מיר צונויפרופען א קאנגרעס, גרינדען א צענטראלע מיט'ן גאנצען קלאפערגעצייג. מיר וועלען פאדערן פון די קהלות אין שטאדט-ראטען סובסידיעס. מיר וועלען וועהלען פערוואלטונגען מיט פרעזעסען, סעקרעטארען און אלע איבריגע „קליינינקייטען".

מיט איין ווארט: עס איז א געזעלשאפט מיט א גרויסען פערנעהם, וואס האט די אויסזיכט צו האבען מיליאנען מיטגלידער און וועט זיין א ישועה פאר'ן גאנצען ליידענדען מענערטום אין דער וועלט.

אלזא, אלע מענער, וועלכע ליידען פון דער דאזיגער מחלה, דארפען נישט צעגערן, נאר גלייך צוטרעטען צו גרינדען די נייע ישועה'דיגע געזעלשאפט מיט דעם הויך קלינגענדיגען נאמען — מתיר אסורים...

סמאל

פון פאַבריקאַנטען און סוחרים-פעראיין.

זונטאָג, דעם 5-טען נאָוועמבער ד.י., 7.30 אָוונט, וועט אין לאָקאַל פון פאַבריקאַנטען-און סוחרים-פעראיין, אַלעע וואַלנאַשטשי 3–5 פאָרקומען א פער-זאַמלונג מיט'ן אַנטייל פון ספּעציעלען -וואָיעוואָדישען דעלעגאַט פון ל.אָ.פּ.פּ. אין קעלץ, ה' עדוואַרד פּאַרין. דער ציעל פון דער פערזאַמלונג איז צו אָר-גאַניזירען א ל.אָ.פּ.פּ.-קרייז ביים פאַב-ריקאַנטען-און סוחרים - פעראיין אין טשענסטאָכאָוו.

צוליעב דער וויכטיגקייט פון ענין איז געוואונשען א צאָהלרייכער אַנטייל פון גאַנצען אָרטיגען יודישען סוחר'ים, וועלכעס וועט גרעמיאַל קומען צו דער פערזאַמלונג אָבשאַצענדיג די וויכטיג-קייט פון פּראָבלעם צו אָרגאַניזירען א פערטיידיגונג געגען די לופט-און גאַז-אַטאַקען.

האַנדווערקער-פערזאַמלונג.

שבת, דעם 4-טען ד. ח. 7.30 אָוונד וועט פאָרקומען אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע 12 א גרויסע האַנדווערקער-פער-זאַמלונג, געווידמעט דעם פּראָיעקט פון דער נייער שטייער - אָרדינאַציע און פערשידענע אַנדערע וויכטיגע ענינים, וואָס זענען נוגע די האַנדווערקער-אינטערעסען.

צוליעב דער וויכטיגקייט פון די בעהאַנדעלטע פראַגען דאַרפען אַלע האַנדווערקער אין זייער אייגענעם אינ-טערעס פּונקטליך קומען צו דער פער-זאַמלונג.

זאב זשאַבאָטינסקי אין טשענ-סטאָכאָוו.

אין קורצען קומט קיין טשענסטאָ-כאָוו דער פיהרער פון דער רעוויזיאָ-ניסטישער בעוועגונג, פּרעזידענט זאב זשאַבאָטינסקי, וועלכער וועט האַלטען א זעהר וויכטיגען רעפעראַט. צווישען אַנדערע וועט ער אויך בעהאַנדלען די לעצטע געשעהענישען אין א"י.

פון באָראָכאָוו-היים.

פרייטאג, דעם 3 ד. ח. 8 אָוועגד אין אייגענעם לאָקאַל, קאָפּערניקאַ 11 קומט פאָר א לעבעדיגע צייטונג, גע-ווידמעט דעם נומער 100 „דאַס וואָרט". אַרטיקלען און פעליעטאָנען מיט זעהר אַנ'אינטערעסאַנטען אינהאַלט וועלען לעזען א רייה חברים.

רעגינאַ צוקער אין טשענסטאָכאָוו.

ווי מיר ווערען געוואויר וועט אין קורצען גאַסטראָלירען ביי אונז אין שטאָדט די ערשטקלאַסיגע יודישע אָפּע-ריעטען-טרופּע מיט דער ביי אונז גוט-בעקאַנטער צאַפּלדיגער סוברעטין רע-גינאַ צוקער בראש, וועלכע וועט זיך בעווייזען אין די נייעסטע שלאַגערס. איינצעלהייטען קומען.

גרויסער שאַך - טורניר אין טשענסטאָכאָוו

דער שאַכיסטען קלוב, וועלכער עק-זיסטירט אין אונזער שטאָדט שוין זייט 8 יאָהר, האט לעצטענס איבערגעטראָ-גען זיין זיץ אָרט אין א נייעם פּרעכ-טיגען לאָקאַל אין דער ערשטער אַלעע 14.

דער קלוב צעהלט אין יעצטיגען מאָ-מענט איבער 100 מיטגלידער און טראָגט די שווערע עקאָנאָמישע בעדינגונגען אַנטוויקעלט ער זיך ווייטער און ער-פולט זיין אויפגאַבע צו וועקען א פּראָאינטערעסירונג אויפ'ן געביעט פון שאַך-שפּיעל אין אונזער שטאָדט.

איצט טרעט דער קלוב צו צו די צוגרייטונגס-אַרבייטען ביים איינאָרדנען א שאַך-טורניר וועגען די מייסטער-שאַפט פון טשענסטאָכאָוו און בעשטימט פאַר דעם אָוועק געלד-פּריזען. צו דעם דאָזיגען טורניר קאָנען זיך פערשריי-בען אַלע שאַכיסטען און סימפּאַטיקער פון אונזער שטאָדט און אומגעגענד. ס'איז איבריג צוצוגעבען, אַז די דאָ-זיגע איניציאַטיוו פערדינט הייס אונ-טערגעשטיצט צו ווערען דורך דער גאַנצער אָרטיגער אינטעליגענץ.

ווי מיר דערוויסען זיך, האט דער שאַכיסטען-קלוב, ערפילענדיג דעם ביר-גערליכען חוב, געצייכענט 500 זל פאַר דער נאַצ. הלואה.

פון בית"ר.

לעצטענס איז די טעטיגקייט פון היגען קן פערשטאַרקט געוואָרען, א דאַנק די ענערגישע אַרבייט פון די נייע מפקדה. אַזוי איז אַדורכגעפיהרט געוואָרען אַ רעאָרגאַניזירונג פון גאַנ-צען קן, און איצט ווערט אַדורכגע פיהרט אַנ'אַקציע צו העבראַאיזירען דעם קן, ווייל לויט די לעצטע פקודה פון ראש בית"ר זאב זשאַבאָטינסקי קאָנען צום בית"ר נישט געהערען די יעניגע, וועלכע בעזיצען נישט די העבראַאישע שפּראַך.

דער אח נפתלי פּאָטאַשעוויץ איז נאָמינירט געוואָרען אַלס אח מפקדה. חול-המועד סופות איז פאָרגעקומען אין ווארשא די דריטע אָל-פּוילישע קאָנ-פערענץ פון בית"ר. דער היגער קן איז געווען פערטרעטען דורך די אחים מפקד משה זעלצער און גזבר פנחס וויינשטאָק.

שבת, דעם 4 ד. ח. קומט פאָר אנ-אַסיפת הקן מיט דער בעטייליגונג פון סגן מפקד הגליל מגר. צבי זילבער-בערג.

נאָך מעהר אָבשפּאָרען אין דער הויז-ווירטשאַפט

איז נישט קיין לייכטע אויפגאַבע, און דאָך זענען פערהאַן וועגען, וואָס פיה-רען צום ציעל. מען דאַרף פון זיי אויסקלויבען די, וואָס לאָזען נישט צו שטאַרק פיהלען די בעגרענצונגען, וועלכע די שפּאָרזאַמקייט ווייזט אָן. מיר געווינען שוין אַ סך דורך דעם, ווען מיר באַקען אַליין די אויסגעצייכענטע קוכענס לויט ד"ר עטקער'ס אויסגעפּרובטע פאָרשריפטען. נאָענט זי-כער וועט אייער פרוי זיך אויך געפו-נען צווישען די מיליאָנען שפּאָרזאַמע הויז-ווירטינס, וועלכע האָבען א גרוי-סען נוצען דורך דעם, וואָס זיי באַקען אַליין פלעצלעך, טאַרטען און קוכענס, בענוצענדיג ד"ר עטקער'ס באַק-פולווער „באַקין". לאָמיר פּרובען און מיר ווע-לען זיך איבערצייגען. פערלאַנגט אין די קאָלאָניאַל-געשעפטען די בחונמ'דיגע בראָשורען מיט ד"ר עטקער'ס רעצעפּ-טען. אויב ס'וועט אויספעהלען קענט איהר זיי בעקומען דירעקט פון ד"ר א. עטקער, ווארשא, ראַקאָוויעצקאַ 23.

פון דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג.

פֿויריגען פרייטאג איז פאָרגעקומען א חברים פערזאַמלונג, אויף וועלכער עס האָבען רעפערירט די ח"ח משה זעלצער און שמעון קראַק.

די רעדנער האָבען זיך ספּעציעל אָבגעשטעלט אויף די אויפגאַבען, וועל-כע עס האט איצט אַדורכצופיהרען דער רעוויזיאָניזם:

1) באָיקאָט אויף דייטשע סחורות,
2) פּעטישיע-אַקציע צום פעלקער-בונד.
3) שאַפען א צווייטע נאַציאָנאַלע אַר-בייטער-אָרג. אין א"י.

די לעצטע צייט איז אַדורכגעפיהרט געוואָרען אַנ'אַקציע לטובת דער אוצר עקזעקוטיווע, וועלכע איז אַדורך מיט ערפאָלג.

שבת, דעם 4 ד. ח. האַלב 2 קומט פאָר א חברים-פערזאַמלונג.

פון דער יודענשטאַטס-פּאַרטיי אין טשענסטאָכאָוו.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יעצטי-גער לאַגע אין א"י האט זיך דאַס פּרעזידיום פון היגען סניף בעמיהט, אַז דער פּאָרטראַג פון מאיר גראָסמאַן זאָל פאָרקומען שוין דעם 12 ד. ח. אין פייערלעשער-זאַל.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט קומט פאָר א פערזאַמלונג פון אַלע חברים שבת 4 נאָכמ. אין צייטווייליגען לאָ-קאַל, בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ 9.

בענזין געשטיגען אויף 25 פּראָצ.

די אויטאָ-אינדוסטריע איז איצט זעהר אויפגערודערט צוליעב דעם, וואָס דער פּרייז אויף בענזין האַלט אין איין שטייגען און אין משך פון עטליכע וואָכען האט ער דערגרייכט ביז 72 גראָשען פאַר א ליטער, דאַן ווען ערשט נישט לאַנג איז דער פּרייז געווען 68 גראָשען. די שטייגערונג מאַכט אויס 25 פּראָצענט.

דער באַהן-טאַריף ווערט פערבי-ליגט.

אין קאָמוניקאַציע-מיניסטעריום איז שוין אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ גענויער פּראָיעקט פון קלענער מאַכען דעם באַהן-טאַריף סיי אויף די פּאַסאַזשיר-און סיי אויף די לאַסט-צוגען. דאַס פערקלע-נערען דעם טאַריף וועט אַריין אין קראַפט נאָכ'ן פערענדיגען אַלע פּרטים, וואָס וועט דויערן ביז דער העלפט פון דעצעמבער.

די פּרייזען פון די באַהן-בילעטען אויפ'ן שטח ביז 130 קילאָמעטער וועט פערקלענערט ווערען נישט מעהר ווי מיט 10 פּראָצענט, דערפאַר וועט די הנחה שטייגען מיט'ן וואוקס פון שטח— ביז 25 פּראָצענט.

ריטשאַלט-שטייער דאַרף פונאַנדער-געלעגט ווערען אויף ראַטעס.

אין אָפיציעלען אָרגאַן פון פינאַנץ-מיניסטעריום איז אָבגעדרוקט א צירקו-לאַר פון פינאַנץ - מיניסטעריום, אין וועלכען די פינאַנץ-קאַמער און די שטייער-אַמטען ווערען בעאויפטראַגט פונאַנדערצולייגען אויף ראַטעס דעם דעם ריטשאַלט פון אומזאַץ-שטייער פאַר די סוחרים און האַנדווערקער, וועלכע זענען נישט אומשטאַנד צו בע-צאָהלען מיטאַמאָל.

יעדע ראַטע פון ריטשאַלט אומזאַץ-שטייער קען צוטיילט ווערען אויף 3 ביז 6 טיילען אויסצוצאָהלען אין משך פון 3 חדשים.

פּראָצעס וועגען א גנבה ביים דעפּ. קאַרדיני.

אין היגען קרייז-געריכט איז פערג. דינסטאָג פאָרגעקומען א פּראָצעס געגען וואַצלאַוו יאַראָש פון ראַדאָמסק, פראַנ-טשישעק קאָוואַלסקי און די ברידער טאַדעאוש און אַלפרעד זאַלעיסקי, וועל-כע האָבען פון אברהם אָרענבאַך'ס גע-וועלב אויף בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ 8 צוגעגנב'עט טאַבאַק - אויסאַרבייטונגען און מאַרקען פאַר ארום 1000 זלאָטעס. עטליכע טעג נאָכדעם, דעם 21 פעברואַר ד.י. האָבען די זעלבע גנבים בעגנב'עט די וואוינונג פון דעפּ. קאַרדיני (נאַרו-טאָוויטשאַ 30), פון וואַנען זיי האָבען צוגענומען א וואַליזע, וועש און זאַכען אין דער ווערט פון 500 זל.

ווי דער בעשולדיגונגס-אַקט לויטעט, האָבען זיי די געגנב'עטע זאַכען איינ-געפּאַקט אין דער וואַליזע, וועלכע זיי האָבען איבערגעגעבען א געוויסען ישעיה פנחס לעווקאָוויטש און דער האט זיי איבערגעטראָגען אין דער וואוינונג פון גיטעל וואַלדפאָגעל (אַלעע 20), וואו ער האט די וואַליזע פערברענט און די זאַכען אָוועקגעפיהרט נאָך קאַמינסק. א פּאַלטען מיט א קאַראַקולענעם קאָל-נער האט צוגענומען קאָוואַלסקי, וועל-כער האט איהם געגעבען צו בעהאַלטען א געוויסען יחזקאל אַבראַמאָוויטש. אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק האט זיך אויך געפונען אריה ראָזענצווייג אונטער דער בעשולדיגונג, אַז ער האט גע-קויפט א טייל סחורה, וואָס האט גע-שטאַמט פון דער גנבה ביי אָרענבאַך'ן.

דער פּראָצעס, וועלכער איז פאָרגע-קומען אונטער'ן פאָרזיץ פון ריכטער העראַסימאָוויטש, איז דינסטאָג נישט פערענדיגט געוואָרען צוליעב דער גרויסער צאָהל עדות און איז אָבגע-לעגט געוואָרען ביז מאָנטאָג, כדי פעסטצושטעלען דעם אַליבי פון בעשול-דיגטען טאַדעאוש זאַלעיסקי, וועלכער האט ערקלערט, אַז אין דער נאַכט פון דער גנבה ביי קאַרדיני'ן האט ער זיך געפונען אין אַרעסט פון צווייטען קאָ-מיסאַריאַט.

א שווינדלעריש פּאַר-פּאַלק פאַר'ן געריכט.

אין שטאָדטישען געריכט איז פאָרגע-קומען דער פּראָצעס פון פּאַר-פּאַלק גראַכאָווסקי, וועלכע האָבען אין משך פון 2 יאָהר „געאַרבייט" אין טשענסטאָ-כאָוו און אין דער אומגעגענד, אַפּצרי-רענדיג א רייה פערזאָנען דורך פער-קויפען „אַפּאַראַטען" צו געפינען אוצרות, וואָס זענען בעהאַלטען אין דער ערד.

דער פּראָצעס איז דערוויל אָבגע-לעגט געוואָרען, כדי אַרויסצורופען נייע עדות.

דאַנסינג און „פייף" אין „מכבי".

דער יוד. טורן-און ספּאָרט-פעראיין „מכבי" אָרדענט איין מאָרגען שבת-צו-נאָכטס 9 א זייגער אין אייגענעם לאָ-קאַל אויף קאַטעדראַלנע 13 (אַמאָליגער לאָקאַל פון טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי") א דאַנסינג און זונטאָג דעם 5 ד. ח. 5 א זייגער אָוועגד א „פייף".

איינגעריט האָבען נאָר די פערזאָנען, וואָס וועלען פאָרשטעלען איינלאַדונגען, וועלכע זענען צושיקט געוואָרען אין דער פערגאַנגענער וואָך צו דער ערעפ-נונג פון לאָקאַל אויף קאַטעדראַלנע 13.

מיט א האַק אין קאָפּ.

די גיכע הילף איז פּהערנעכטען אַרויסגערופען געוואָרען אין די שטאָד-טישע באָראַקען, וואו דער זעלנער פון 27 פיעכאָטע פּולק, אַנטאָני וואַשילעווסקי איז אין נישט אויפגעקלערטע אומשטענ-דען פערוואונדעט געוואָרען מיט א האַק אין קאָפּ.

פון ספּאָרט

פון י. ט. ס. פ. „מכבי".

די אַרבייט פון יודישען טורן-און ספּאָרט-פעראיין „מכבי" געהט פּאָר-ווערטס. עס פערשרייבען זיך נייע מיטגלידער, עס ענטשטעהען נייע סעקציעס, איבונגען קומען פאָר סיי אין זאַל אויף אַגראַדאָווע, סיי אין זאַל אויף דער קאַטעדראַלנע 13 (אַמאָליגער זאַל פון טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי").

פון היינט פרייטאג הויבען זיך אָן די איבונגען פון דער גרופּע פון מענער אין עלטער איבער 25 יאָהר. די איבונ-גען וועלען פאָרקומען יעדען פרייטאָג 9 א זייגער אָוועגד אין לאָקאַל אויף דער קאַטעדראַלנע.

די פּינג-פּאָנג-סעקציע פיהרט אַדורך פון 11-טען ד. ח. א ספּאָרט-טורניר פון איהרע מיטגלידער.

פאַר דער באָקסער-סעקציע איז אַנ-גאַזשירט געוואָרען א דיפּלאָמירטער אינסטרוקטאָר פון קאַטאָוויץ, וועלכער איז אויף דעם געביעט א ספּעציאַליסט.

עס איז בענייט געוואָרען די טעטיג-קייט פון דער גימנאַסטישער גרופּע פאַר קינדער. די איבונגען קומען פאָר מיטוואָך און שבת אין די נאָכמיטאָג-שעה'ן.

איינשרייבונגען אין אַלע סעקציעס ווערען אָנגענומען אין סעקרעטאַריאַט, וועלכער איז איבערגעטראָגען געוואָרען אין לאָקאַל אויף קאַטעדראַלנע פון 8 ביז 10 אָוועגד.

לעגיאַ (וויעלון) — מכבי (טשענסט.) 1:3 (0:2).

נעכטען איז אויפ'ן ספּאָרט-פּלאַץ פון „מכבי" פאָרגעקומען דער ענטשיידענ-דער פוסבאַל-מעטש וועגען אַריינגעהן אין „א"-קלאַס צווישען די אויבענדער-מאַנטע ספּאָרט-קלובען.

צום מעטש איז געקומען א גרויסער עולם ספּאָרט-סימפּאַטיקער, וועלכע האָ-בען מיט פּעראינטערעסירונג נאָכגע-פאָלגט דעם מעטש, וואָס האט געזאָלט דעצידירען וועגען דער קלאַס פון „מכבי".

דער מעטש איז נישט געשטאַנען אויף א הויכען ספּאָרט ניוואָ און איז נישט געווען זעהר אינטערעסאַנט. „לעגיאַ" האט געשפּיעלט זעהר שעהן און אָפּפערווויליג, דאַגעגען „מכבי" האט נישט געשפּיעלט אַזוי שעהן ווי אין די פֿויריגע מעטשען און איז טיילמאַל גע-ווען ברוטאַל.

ביז צו דער העלפט איז דער רעזול-טאַט 0:2 פאַר דער „לעגיאַ", וועלכע האט דעם נצחון אין א גרויסער מאָס צו פערדאַנקען דעם שטאַרקען ווינד.

נאָך דער הפסקה שפּיעלט „מכבי" שעהנער און ס'געלונגט זיי א דאַנק דעם, וואָס זיי האָבען דעם ווינד מיט זיך, צו שיסען איין טויער דוך דעם בעסטען שפּיעלער אויפ'ן פּלאַץ רזשע-זשאַק.

שיעדס-ריכטער ה' שליווטשינסקי איז געווען זעהר גוט.

ען-גע.

URODONAL



Zwalcza reumatyzm podagrę piasek skleroze

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt. Przedstawicielstwo Warszawa, Fredry 4.

Kino „EDEN"
I Aleja 12

היינט און ווייטער דער מעכטיגער פוילישער קלאַנג-פילם לויט סט. זשעראָמסקי'ס ראָמאַן

DZIEJE GRZECHU

אין וועלכען דאָס פּובליקום וועט ווי לעבעדיגע הערען פון דער ביהנע די בעריהמטסטע פוילישע אַרטיסטען:
יונאָשאַ - סטעמפּאָווסקי, סאַמבאָרסקי, וועגגושין, זעלוועראָוויטש, לעשטשינסקי, די שעהנע לוביענסקאַ און אנד.
פּרטים אין די אַפּישען.

קלאַנג - קינאָ
„STYLOWY"
2 אַלעע 27 — טעל. 1574.

די רעוואָלוציע פון 20-טען יאָהרהונדערט! א קונסט-ווערק פון מענשליכען זשעני, וואָס האט געקאָסט 2 יאָהר אַרבייט און 3 מיליאָן דאָלאַר

KING - KONG

אין די הויפּט-ראָלען פעי-וורעי און ראָבערט אַרמסטראָנג ווי אויך קינג - קאָנג, א מאַלפּע 23 מעטער גרויס.
אויסערדעם פאָקס און פּאַט קלאַנג-וואָך.

„ATLANTIC"
אַגראַדאָווע 14.

הערליכער דאָפּעלטער פּראָגראַם!

Jad miłości

מיט ראַמאָן נאָוואַראָ און י. קראַפאָרד
צווייטער פּראָגראַם:

CZY ZDRADZIŁA?

מיט מאַדעלעינע קאַראָל א.א.

קרזעסלאָ פון 25 גר.

Kino „LUNA" dawniej „GRAND"

100.000 דאָלאַר אין א שטוהל, זוכען וולאַסטאַ בוריאַן און אַדאָלף דימשאַ.
דער פילם

„12 KRZESEŁ"

וועט אויפלעזען דאָס רעטעניש פון דעם בעהאַלטענעם אוצר.